STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02999

DER MORGNSHTERN

Aleph Katz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלף כּיץ

*

דער מאָרגנשטערן

געווידמעט מײַנע טײַערע פֿונעם גרויסן אָנהייב:
שבֿע (סיליאַ), דבֿורה (דעבי) און אפֿרים

אלף כץ

דער מאָרגנשטערן

אַריינפיר — פון יודל מאַרק

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תשל״ה — 1975

ALEF KATZ
DER MORGNSHTERN

I.L. Peretz Publishing House

31, Allenby Str., Tel Aviv, ISRAEL

אַלף כּץ / דער מאָרגנשטערן

פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב, רחוב אלנבי 31

אַריינפיר — יודל מאַרק

©

נדפס בישראל

תשל״ה — 1975

דפוס „אורלי", תל־אביב

יודל מאַרק

דער דיכטער און זײַן דיכטונג

דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1935. אַ שטילער און אַ שמייכלענדיקער איז אַלף כּץ אַרײַנגעקומען אין מײַן ניו־יאָרקער האָטעל־צימער און מיר געבראַכט אַ בוך. דעם נאָמען אַלף כּץ האָב איך געהאַט געזען אין פֿאַרשיידענע קינדער־זשורנאַלן, דאָס לידער־בוך אַקערצייט (ניו־יאָרק 1929, 80 זײַטן) האָב איך ניט געהאַט געזען. דער גאַסט האָט ניט געוואָלט זיך פֿאַרהאַלטן און אַ שמועס טאָן. האָט מען אָפּגערעדט אַז מע וועט זיך צונויפֿקלינגען, זיך צונויפֿרעדן וועגן אַ באַגעגעניש.

יענעם פֿרימאָרגן האָב איך געהאַט אין מײַן רשות צוויי פֿרײַע שעה. האָב איך גלײַך זיך גענומען צו דער מתּנה, דורכגעלייענט אַלע לידער. דער אַלגעמיינער אײַנדרוק אין געווען: אַלף כּץ איז בלי ספק אַן אינטערעסאַנטער דיכטער וואָס שפּרײַזט ערגעץ אין אַ נעפּל. איך האָב איצט פֿאַר די אויגן די אַקערצייט מיט אונטערגעשטראָכענע שורות און סטראָפֿעס, דעם עקזעמפּלאַר וואָס דער פּאָעט האָט דעמאָלט מיר געשאָנקען. שרײַב איך דאָ איבער אַ טייל, וואָרעם דאָס קען געבן אַן אַרײַנבליק אין דעם דיכטער און אפשר אויך אין זײַן לייענער:

„שווער און שטעכיק איז דער איבערבלײַב פֿון פֿרייד, / און שווער דער נאָכקלאַנג פֿון פֿאַרשוואונדן גליק״ (ז׳ 13); „די ערד האָט געקוואָלן מיט פֿרייד, / ווען ס׳האָט זי דער אַקער געשניטן, געשטיקערט. / מײַן פֿערד האָט געטראָטן מיט זיכערע טריט / און

איך בין געוואָרן פון ברויזיקן ערדישן אָטעם פאַרשיכורט" (ז׳ 18) ; „פלעדערמײַז און סאָוועס — פייגל אָן זכות־אבות" (ז׳ 22) ; „וואָיען וועלף דעם ווײ פון וואָגלער, / זייער יאָמער גאָדלט דורך די אויערן פון רוים" (ז׳ 23) ; „פאַרגעסענע פאַרגייען שעהן, / פאַרשעמטע, ליידיקע פאַרשלינגען זיך די טעג. / אַ נײַן באַזיגט האָט אַלע יאָען, / פאַרפירט האָט זיך אַליין דער וועג" (ז׳ 31) ; „וויגן זיך די פּיצלעך לעבן אויפן שוואַכן אומרו / צווישן אום און רום און דאַאיקייט" (ז׳ 34) ; „אויף דינע וואַסערדיקע פּיפּלעך / שפּילט דער שטאָט־פאַנטאַן אַ גאַנצן טאָג צויבער־־מעשה־לידער, / צויבער־פּלײַטערײַען / צו די האָוועדיקע גאַסן פון דער שטאָט" (ז׳ 47) ; אין אַ ליד ״ר׳ נחמן בראַצלאַווער׳ — „פאַרבענקטע פייגל פלעגן שוועבן איבער אים פאַרטראַכט, / הערן דאָס געזאַנג פון סודות וואָס ער האָט געבראַכט, / און שלאָפן רואיק מיטן סוד פון דעם געזאַנג בײַנאַכט" (ז׳ 76) ; „אַליינקייט האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט: / יעדער מענטש — פאַר זיך, / יעדער מענטש — אַ סוד" (ז׳ 79) ; „און ווען עס וועט אַ שער פון שטראַלן / איבער־שערן דעם געהיל פון פינצטערניש..." (ז׳ 80). אין די אויערן האָט זיך געוואָרפן דאָס אַפּטע וואָרט סוד, בין איך געווען אַ בעלן אי־בערצוציילן וויפל מאָל עס איז דאָ אָט דאָס כאַראַקטעריסטישע וואָרט אין אַ ליד ׳פערפעטואום מאָבילע׳ (ז׳ 40־41), אַ ליד וועגן זון, וואָס סימבאָליזירט געוויינטלעך קלאָרקייט. און צווישן די 31 שורות אָנגעטראָפן 8 מאָל סוד.

עס איז ניט אויסגעקומען מער זיך צו טרעפן מיטן דיכטער אין 1935. אַ פאָר יאָר שפּעטער, שוין אַ תושב אין ניו־יאָרק, האָב איך אים אָנגעקלונגען און שטאַרק געליבט זײַנס אַ קינדערליד. דורך זײַן מילדער, הייזעריקלעכער שטים האָב איך געזען דעם פריידיקן שמייכל אויף זײַן פּנים. האָט גענומען זיך וועבן אַ פרײַנדשאַפט, פריִער דורכן טעלעפאָן, דערנאָך דורך באַגעגענישן. ווען אין 1941 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער זשורנאַל ״יידישע שפּראַך״, איז אַלף כּץ געוואָרן זײַן פּרימסטער לייענער, אַ ביסל

שפּעטער אויך זײַנער אַ מיטאַרבעטער. און דער גינציקער לייענער פון זײַנע לידער האָט ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו רעדן וועגן זיי און צו לויבן זיי בלי גוזמא ובלי דריי.

אין 1953 איז מען אַרויסגעקומען פאַרן עולם מיטן פּלאַן וועגן גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך און פון דער פרײַנד־שאַפט איז געוואָרן ממש אַ נאָענטשאַפט. ער איז געווען דער ער־שטער שרײַבער וואָס האָט אָנגעהויבן אַרײַנצושיקן זײַנע אייגענע וואָרט־פורעמונגען. ווי נאָר עס האָט זיך געשאַפן דער קאָמיטעט פאַרן ווערטערבוך, איז ער געוואָרן זײַנער אַ מיטגליד און האָט ניט אויפגעהערט צו קומען צו די זיצונגען, ווען ער איז שוין גע־ווען גאָר ערנסט קראַנק, ווען דאָס קומען איז געווען ממש אַ קרבן. ער איז פּאַקטיש געווען דער פּרסום־אַגענט פאַרן ווערטערבוך. ער איז געווען דער בעל־פּה־אויסטײַטשער פון ווערטער פון וואָלין און פון לאָקאַלע ווערטלעך. ער האָט תּמיד זיך מיישב געווען, ווען עס האָט אַרויסגעשפּראָצט בײַ אים אין זײַן שאַפונג־פּראָצעס אַ וואָרט אַ חידוש, און בײַם יעדן צושאָקלען מיטן קאָפּ און אַוודאי בײַם קריגן דעם ענטפער „טוב שבטובים" — פלעגן די קנייטשן אויפן פּנים זיך צעפריילעכן.

בטבע איז אַלף כּץ געווען אַ שווײַגער. נאָר וועגן די יונגע יאָרן זײַנע האָט ער ליב געהאַט צו רעדן. וועגן זײַנע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע איז שוין אויסגעקומען ביסלעכווײַז אַרויס־צופּישן מיט נעצן. געבוירן געוואָרן איז ער אין מײַ 1898, אין וואָלינער שטעטעלע מלינאָוו, און דאָס גאַנצע לעבן איז געבליבן די היימישע וואַרעמקייט צו דער קינדערשער סביבה. ער האָט זייער ליב געהאַט דעם פאָטער, אַ גאַנץ אויסטערלישע געשטאַלט: אַן אַפּיקורסישער משׂכּיל מיט סמיכה אויף רבנות, אַ ייִד אַ פּיקח און אַ שלימזל, אַ פידלער מיט אַ דראַנג צום שרײַבן. אַלף איז געווען אַ גוט קינד אין חדרים און ביזן קומען קיין אַמעריקע צו פופצן יאָר האָט ער באַוויזן זיך צו באַקענען מיט אַ פּאָר הונדערט בלעטער גמרא — זיך באַקענען, ניט דורכלערנען, וואָרעם עס

איז ניט געווען אין זײַן טבע זיך צו פּאַרטיפן אין אַ שקלאַ־ווטריא, נאָר בלײַבן זיצן אויף די אינדזלען פון מדרש, אָרײַנצוטראַכטן זיך אין אַ ווערטל, אין אַ זאָג, אין אַ חכמהלע און זיי צו פאַרגעדענקען אויפן גאַנצן לעבן. און אין דער זעלביקער צײַט האָט ער דורכגעמאַכט אַ רוסישע רעגירונגס־פּאַלקשול.

אין ניו־יאָרק האָט אַלף כּץ אָנגעהויבן זײַן דיכטערישע קאַריערע מיט שירים אויף העברעאיש און געוואָרן דער סעקרעטאַר פון אַ קליינער יוגנט־אָרגאַניזאַציע ׳בני עם חי׳. דער בחור אָן אַ פּראָפעסיע, האָט ער זיך געוואָרפן פון איין שאָפּ אין אַ צווייטער, געווען אַ יונג אין קראַמען אויף פונאַנדערצוטראָגן אײַנגעקויפטע פּעק און אַ ביסל לײַנגער געאַרבעט אין אַ וועשערײַ.

אַלף כּץ האָט געהערט צו דער מאַיעסטעטישער מחנה יונגע אימיגראַנטן וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט און ביז שפּעט אין אָוונט זיך געלערנט, פריִער אויף ספּעציעלע אָוונט־קורסן און דערנאָך אויף קורסן פון ׳סיטי־קאָלעדזש׳. כּצן האָט ניט געדויערט לאַנג צו באַהערשן גענוג ענגליש זיך צו באַטייליקן אין קאָלעדזש־זשורנאַל און מע האָט גרויסמוטיק שוין פאָרויסגעזאָגט אַז עס וואַקסט אַ יונגער ענגלישער פּאָעט. ערשט אין 1917 האָט ער אָפּגעדרוקט זײַן ערשט ייִדיש ליד, אַ לאַכערײַקע אין גרויסן קונדס.

זיך אַליין האָט ער גענומען באַטראַכטן ווי אַ ייִדישן פּאָעט, ווען ער איז געוואָרן אַן ׳אומפּאַרטייאישער אינזיכיסט׳ (זײַן אויסדרוק).

1925 איז געווען אַ וויכטיקע דאַטע אין אַלף כּצס לעבן: ער האָט באַקומען אַ שטעל אין דער ייִדישער טעלעגראַפן־אַגענטור, געוואָרן מיט דער צײַט דער רעדאַקטאָר פון די נײַעס אויף ייִדיש און דער פּעריאָדישער אינפאָרמירער וועגן ייִדישער קולטור אין אַמעריקע; עס איז אַרויס זײַן ערשט ביכל לידער אַ מעשׂה פון ים און אַנדערע לידער. עס איז אַ באַשיידן ביכל פון 60 זײַטלעך. דאָס קלאָפּערגעצײַג איז מאָדערן־אינזיכיסטיש, אָבער דאָ פעלט די עשירות פון נײַע אימאַזשן. אין דעם ערשטן ביכל איז געווען

אַנהייבערישע באַשיידנקייט און דאָס געמיט פון אַ יונגן קוהלת וואָס ריכט זיך שוין אויף גאַרנישט אין לעבן.

דאָס אַרייַנפיר־ליד גיט איבער ווי אַן אַסיען־בלאַט האָט זיך אָפּגעטיילט פון שטאָם, „ווי עס טיילט זיך אָפּ אַ חלום / פון אַ שלאָפערס מאַרך", און צום סוף האָט „דער ווינט צעריסן זיך אויף שטיקער, / און דאָס בלאַט האָט אַנגערירט די ערד". דערנאָך קומט די באַלאַדע 'אַ מעשׂה פון ים' מיט אַ טעמע וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַרן ראָמאַנטיזם פון אַ הונדערט יאָר פריִער. אַ שיף בלאָנדזשעט איבערן ים, „וואַנדערט אין וויג פון דעם תּהום"; האָפענונג און ייִאוש בייַטן זיך אין די הערצער פון די שיפערס; אין אַ קאַיוטע זיצט פאַרשפּאַרט אַ מאַכטיק־אוממאַכטיקער מאַן, אַ משוגענער און אַ מכשף, וואָס „דער בעזעם פון שפּאָט" האָט אים אַהין „פאַרשאַרט"; ווען די כוואַליעס האָבן שוין געטאַנצט אויפן דעק — עפנט מען זייַן תּפיסה־צעל, ער זאָל עס ראַטעווען די שיף. און ערשט דאָ קומט אַרייַן אָריגינעלס — דער סוף האָט דרייַ וואַריאַנטן: 1) „דער צימער געווען איז ליידיק און קאַלט. / די שיף איז געזונקען צום אָפּגרונט דאַן באַלד"; 2) עס איז אַרויס דער מענטש, זיך צעלאַכט, דער ערשטער געשפּרונגען אין וואַסער, די אַנדערע נאָך אים, „דער ים האָט געלאַכט"; 3) ווען ברייט ס'האָט געעפנט די טיר זיך פאַר זיי, / עס איז פון דעם צימער אַ פייַער אַרויס / און האָט זיי פאַרברענט. און די מעשׂה איז אויס".

אינטערעסאַנטער זענען די ניו־יאָרקער טעמעס — 'מאַנהעטן'. דאָרטן האָבן מיר צערודערונג נאָך אַ סימפאָנישן קאָנצערט; אַ ליד וועגן דזשעז, ווען „ביינדלעך פון אַ פּיאַנאָ קלאַ־לאַ־פּן אויס אַ קייט פון ווילדע קולות און קופּער־רויטע שרייַענדיקע רינגען דרייען זיך אין רוים און שנייַדן אויס אַ טויזנט־קעפּיק ליד פון אומזין"; ניו־יאָרק בייַנאַכט ווערט „אַן אַלטער בעדואינער אין אַ געלער פלאַכטע איינגעהילט"; ווייַטער האָבן מיר 'באָוערי'־מאָטיוון פון דער שמוציקער בעטלער־גאַס. אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק

יאָגט דער גאָט פון די שטאָט־מענטשן זיך אום אין אַ קאַרעטע „מיט אַ דרײַגעשפּאַן פון אַלטע קליאַטשעס: / ווײַן, / ווײַב, / געזאַנג״. אומגעריכט די פּאָעזיע פון אייגענער הפקרײַ — „נעכט. / אוי נעכט מײַנע, / קברים פון מײַן זײַן און אונטערגאַנג, / אין אײַער נעץ בין איך הפקרער / ווי איר אַליין״.

דער שפּיגל אַליין איז אַ מין „אידיאַט פון דורות״, ווײַל אויף וואָסער שווארציאַר באַדאַרף ער אָפּשפּיגלען? וואָרנט דער שפּיגל: „איר וועט דערזען דאָרט / אַ מענטשן אָן אַ קאָפּ / און אין אַ טײַך / פון אײַערע פאַרלאָרענע, געשאָכטענע ערוואַרטונגען״. דער פּאָעט האָט רחמנות אויף מענטשן „ווער מיט אַ געלעכטער, / ווער מיט אַ געוויין, / מיר זוכן אַלע אייביק / דעם אומזין צו פאַרשטיין״. עס איז אַ רחמנות אויך צו זיך: „גערייצט פון אומזין אין מײַן קאָפּ, / בין איך בליינד געקומען / אויף מײַן רוף, / אויף דעם פאַנ־פאַרע־רוף צו קריג / מיט זיך אַליין״. עס איז אַ רחמנות אויף אַ דיכטער, וואָס אַ פאַרפלאָנטערטער אין ווערטער־נעץ דערפילט ער ווערטער ווי „געפּגרטע קעץ, האָבן קיין זין און קיין מאַכט״. איז פאַרשטענדלעך למאַי ער גלײַכט זיך צו אַ וואַקסן ליכט, צו־קאָפּנס פון אַ מת. „און שטומערהייט / דערציילט עס צו דער וועלט / דעם סוד פון אָנהייב פון אַלע טעג, / דעם סוד פון סוף פון יעדן וועג״.

פיר יאָר שפּעטער קומט אַרויס דאָס לידער־בוך אַקערצײַט. ערשט ווען מע טראַכט זיך אַרײַן אין דעם ערשטלינג און מע לעבט זיך אַרײַן אין די ווערק וואָס קומען נאָכן צווייטן בוך, ווערט קלאָר די איבערגאַנג־תקופה וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די לידער פון אַקערצייט. די פיר יאָר זײַנען משמעות געווען יאָרן פון איבער־ווערטיקן דעם דיכטערישן אָנהייב. האָט דער פּאָעט געוויזן זײַן פּנים אָדער געטראָגן אַ מאַסקע מיט אַ גרימאַסע? איז זײַן וועג געווען אַ וועג וואָס האָט געפירט ערגעצוואו אָדער אַן אומוועג אין עפּעס אַ זומפּ אַרײַן? און עס האָט זיך אַרויסאַנטפּלעקט דער כּוח פון דעם איכישערן איך. הייבט ער אָן אַנטלויפן פון דער פרעמדער

שטאָט אין אַן אייגן פעלד אַרײַן. צוליב וואָס דער געלער לאַמטערן פון דער ביַינאַכטיקער שטאָטישער גאַס, ווען עס איז פאַראַן אַזוי פיל רחבות אין גרינעם פעלדערגראָז און אַזוי פיל געזונטער גלאַנץ פון אײַזערנעם אַקער? שוין צײַט כ׳לעבן פּרוּוון צעאַקערן די ניט־פאַרזייטע פעלדער פון אייגענעם געזאַנג. שטעקט קאָפּ און ווילן אין די נעמען פון די לידער: ׳אַקערצייט׳, ׳אויפגאַנג׳, ׳דאָס געזאַנג פון רייפע זאַנגען׳, ׳אָוונטוואַלד׳, ׳די שטים פון פעלד׳, ׳אַ פלאַנץ איז פאַרוואָרצלט אין פעלד׳. ווערטער פרייד, שׂמחה באַווײַזן זיך אין די שורות. סודות מוזן ניט זײַן פינצטערע, זיי קענען געשפּונען ווערן פון גאָלדענע פעדעם. עס ווערט וואַך דער ווילן צום צײַטיקן. אַ ווערטעלע צו זאָגן זיך איבערדרייען אויף גאַנצע 180 גראַד. גרינג קומט עס ניט אָן. שטייט מען נאָך על פרשת־דרכים, אָבער דער לעבנס־יאָ ליכטיקט מיט דער יִדישער לעגענדע און מיט די ניגונים פון די קינדער־יאָרן, מיטן טאַטנס פידעלע, מיטן חדרשן אַלף־בית. ווערן אַלפס פיס פעסטער אַריבערצושפּרינגען בייז פון בית און אַרויפצושפּרינגען צום גוטס פון גימל.

✶

ניט אַזוי גיך טוט זיך עס ווי סע רעדט זיך. און אַקערצייט איז צווישנצײַט. דערווײַל געוועלטיקן אַפילו באַוועריםאַטיוון. דער ביין איז טאַקע לעת־עתה דער זיגער, אָבער ניט מער ווי אַ צײַטווײַליקער, ווײַל דער ביין האָט נאָר דעם באַגער צו פאַרפירן. אין דער ׳באַלאַדע׳ וועגן פאַרתּפיסהטן שווימער אונטערן אײַז, ווען „די גלעזערנע קעלט איז צערונען”, קומט דער שווימער אום אין וואַסערפאַל. אָבער ווער הייסט אים זײַן אונטערן אײַז? ניט שווימען דאַרף ער, נאָר פליִען, און חלום האָט דאָך על־פּי זײַן טבע פליגלען. און אויב מע שטעקט ווי אַ שקלאַף אין שטח פון שווערגעמיט, הערט מען אויף צו זײַן צו אים אַן עבד כּנעני. מער ווי ביז צום יאָר פון שמיטה באַדאַרף מען ניט וואַרטן. וואָלט ניט געווען דער

דויערנדיקער איבערגאַנג צום אַנטפּלעקטן אמתן אַלף כּץ, נאָר אַ מין פלוצעמדיקער אַריבערשפּרונג, וואָלט געקענט פאַרבלײַבן אַ שאָטן פון חשד אויף די לאַנגע יאָרן פון זײַן ליכטיקייט. אַדאַנק אַקערצײַט האָבן מיר די גאַראַנטיע אַז דאָס זוכן און דאָס געפינען דעם נײַעם וועג צו זיך איז געווען עכט, וואָרעם פאַרן מצאתי איז געווען דער יגעתי.

און וואָס איז דעם דיכטער בײַגעשטאַנען? וואָס האָט אים געהאָלפן? דאָס ייִדישע קינד אין דער ייִדישער שול, וואָס פאַר אים האָט ער געשריבן די קינדערלידער און פאַר אים געשאַפן די פאַנ־טאַסטישע און פרייִדיקע קינדערשפּילן. די פאָעמע דאָס טעלערל פון הימל (ניו־יאָרק 1934), איז געווען אַ געפינס און אַ גליק אויך פאַרן דיכטער גופא. בײַם אויספורעמען פון א׳ ביז ת׳ (ניו־יאָרק 1939), האָט אַלף אויך זיך אויסגעפורעמט; ער האָט טאַקע פון פריִער געוואוסט דעם אמת „וויפל אין די אותיות ליגן טרערן און וויפל געוויין”. אָבער אויך אַנטדעקט וויפל פרייד, וויפל המצאה, וויפל שפּיל, וויפל וואָרצלען פון תּמיד־גרינע געוויקסן עס זײַנען בפירוש פאַראַן אין די צוויי־און צוואַנציק מאָל טויזנט ליכטער פון אַלף־בית.

ווען דער נײַער אַלף כּץ האָט גענומען זיך אויספּיקן אין די דרײַסיקער יאָרן, האָט מען אים ליב באַקומען און ניט נאָר אין די קרײַזן אַרום דער ייִדישער שול. וועגן יעדער בוך זײַנעם האָט מען געשריבן מיט לויב און מיט וואָרעמקייט. אָבער עס איז אין ערגעץ ניט געווען אַן אַרבעט וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס געווערק פון דעם פּאָעט. קומט אויס זיך צו פאַרנעמען מיט פּרטים וועגן זײַן ווײַטערגאַנג. מיר קומען צום בוך אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה (ניו־יאָרק 1944). די 96 זײַטן צעפאַלן זיך אויף צוויי כּמעט־גלײַכע טיילן. דער ערשטער טייל הייסט ׳אַלאַרם׳, דער צווייטער טייל ׳אַלף־בית מיט ברויט׳. דער ערשטער טייל איז פאַר דער־וואַקסענע מיט צײַט־לידער אונטערן שאָטן פון דײַטשישן אַשמדאי, דער צווייטער טייל איז פאַר קינדער פון אַלע צײַטן און פאַר

אַלע צײַטן. אָבער װער זאָגט עס אַז בלױז פּאַר קינדער? עס איז דאָך גאָטס רחמנות אױף דערװאַקסענע און אױף אַלטע לײַט װאָס זײַנען ניט געבליבן קײן קינדער.

דאָ האָט דער יִדישער אידיאָמאַטישער אױסדרוק זיך צעלײגט װי בײַם טאָטן אין װײַנגאָרטן. דאָס װערטל װערט דער שטאָפּל אױפֿן לײטער פֿון פֿאַנטאַזיע און די שפּיל אין קלאַנגען װערט אַ יש פֿאַר זיך. דעם דיכטערס קינדער װערן די װאָס עסן אַלף־בית מיט ברױט, װאָס טרינקען פֿױגלמילך פֿון אַלף־בית, װאָס זינגען אַלף־בית מיט גראַם, װאָס לױפֿן און טאַנצן און שפּילן אַלף־בית מיט טאַקט און מיט פֿרײד, װאָס לערנען אַלף־בית מיט ברױט, און לאָמיר צוגעבן — װאָס לעבן אַלף־בית מיט רײנער לופֿט. מיר האָבן דאָ ערנסטע און נאָך מער שפּאַסיקע יום־טוב־און לוח־לידער. און הערט זיך צו צום גיכן לײענען: „װען דער װאונדער פֿון דער זון, דער רונדער װאַנדערין פֿון הימל, הײבט אָן װעקן גאַסן קאַלטע פֿון דעם װינטערדיקן דרימל, װען די דעכער פֿליִען העכער פֿון די טױבן דאָרטן אױבן, און די טראָטואַרן נאַרן און פֿאַרנאַרן קלײן און גרױס פֿון די הײַזער אױף דער גאַס אַרױס — װײס איך אַז ס׳איז ערב פּסח". און אַזױ װי דאָס װאָלטן געװען גאָר אַלטע צײלעבישן בײַ אַ שפּיל: „לעמײַזע־לעמײזע, לעמײַזע־לעמױז, אַרױס פֿון מײַן הײַזע, לעהײַזע־לעהױז, אַניט װעט אַ קעצע, לעקיצע־לעקאַץ, דיר געבן אַ קרעצע, לעקריצע־לעקראַץ" און עס קומען כּלערלײ גלגולים מיט אַ פֿלי פֿון אַ בין און אַ גײ פֿון אַ בער, מיט אַ הונט מיט אױערן... און אַלץ פֿאַרענדיקט זיך מיט דער אידיליע: „געטאַנצט האָט לעקיץ און געטאַנצט האָט לעמױז און זײַנען אַרײַן צוריק אין הױז. זײ זײַנען געװאָרן גאָר־גוטע פֿרײַנד און לעבן בשלום נאָך ביז הײַנט".

׳אַ קו איז געפֿלױגן איבערן דאַך׳ און ׳אַ מעשׂה מיט אַ שװעבעלע׳ זײַנען פֿאַנטאַסטישע קײטן װאָס נאָר אַ קינד קען

זיי צונויפרינגלען — „און לאַכן אַלע, לאַכ־כאַ־כאַכן". גלייַכ־צייַטיק געפינען מיר דאָס 'יוגנט־געזאַנג':

מיר זייַנען די פרייד
פון דער זון און פון שטורעם,
מיר זייַנען אַלע די פיר צייַטן פון יאָר,
פאַר אונדז איז דער בייַט פון דער צייַט
בלויז אַ שטאַפּל פון חלום צו וואָר.

מעג מען טאַקע לעבן עד מאה ועשרים און בלייַבן זאָל מען בלייַבן קינדעריש און יוגנט־פריש. דאָס איז דער אָנזאָג פון דעם וואָס זייַן שליחות איז געווען טאָג־אייַן טאָג־אויס צו ברענגען די סאַמע וויסטע בשׂורות, אויסצוקלאַפּן אויף דער שרייַב־מאַשין ציטערדיקע שׂורות מיט ציטערדיקע פינגער. עס רייַסן „ריטער פון רויטער רציחה", זינגען שירה איז מער ניט שייך, סייַדן רעווען. „נאָר איך בין אַ שטומער, אַ איוב אָן לשון... גאָט! גיב אַ בליץ די געפּענטעטע ווערטער און דונערן גיב מיר אין קול". נאָר דער דיכטער קען נאָר זייַן אַלף כּץ, ער קען ניט ווערן ניט ירמיה און ניט לייוויק, ער פּירט „דעם חשבון פון טרויער און טרערן", ער טוט „צעטראָגן דאָס בת־קול פון אונדזערע אויען" און ער אַלאַרמירט: „זינג, ליד, שרייַ: „וועלט־וואַלד ברענט!" ער אַליין איז אין פייַער פון די נייַסן אין חורבן־יאָר תש"ב. יידן זייַנען „אויף עלנטן וועג אין דעם גרויסן אַליין", שרייַען און ברענען. טעג, חדשים, שוין יאָרן —

דער טינטער פון חושך איז איבערגעקערט,
רינט איצט די פינצטערניש איבער דער ערד,
איבער די בלעטער פון אונדזער געשיכטע,
איבער די לידער פון אונדזערע דיכטער.

צום גליק שטייט פאַר זײַנע אויגן דער גרויסער רבי עקיבא וואָס לאַכט אויף די חורבות פון בית־המקדש, ווען אַלע תּנאים וויינען: אַזוי ווי עס איז מקוים געוואָרן די בייזע נבואה, וועט אויך שלאָגן די שעה פון אַ באַנײַט לעבן. דער דיכטער נידערט אַראָפּ 'אין טאָל פון האַרץ' — „...איך לאַך ניט איצט. / ווי זאָל איך לאַכן / אין שפּיגל פון דעם שׂונאס מעסער? /... אויך וויינען וויין / איך ניט אַצינדערט — / עס האָט דער בראַך מײַן קול דערוואָרגן. פון שׂונאס אויג און קריץ פון ציין האָט זיך מײַן קלאָג אַצינד פאַרבאָרגן. / אין תּהום פון לײַד, / אין גיא־צלמות, / איך גיי און גיי — אַ שטומער וועכטער. / געפּענטעט אין מײַן אינגעווייד / איז מײַן געוויין און מײַן געלעכטער. / אין טאָל פון האַרץ, / אין מעמקים, פאַרזייט איז ביטערגיש און טרויער. / זיי וואַקסן דאָרט — פאַרדריקט, פאַרשפּאַרט, / און זוכן צו דער וועלט אַ טויער. / ...אַ שטאַרק מיך, גאָט, / צו קאָנען לאַכן / די שׂמחה פון דער וועלט גערעכטער. / אַ זײַ מגלה מיר דעם סוד / — איך זאָל ניט אויס־גיין פון געלעכטער."

דער טרויער וויקלט זיך אײַן אין אַ מעשׂה. 'אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה', האָט זי געזוכט אַ קול „וואָס זאָל זי אויף דער וועלט צעטראָגן". איז די מעשׂה אַוועק צום בוים, אָבער דער בוים איז דאָך צו דער ערד געבונדן, עצהט ער, די מעשׂה זאָל אַוועק צום פויגל; און דער פויגל עצהט גאָר: „גיי צום ווינט"; און דער ווינט מאַכט: „ווי זאָל איך זינגען אַז מײַן קול איז נאָר צום ברומען?" ברענגט דער ווינט די מעשׂה צום דיכטער. דער אויפגעשווידערטער דיכטער זאָגט אַרויס מיט אַ ציטער: זינט ווערטער האָבן גענומען ברענען זײַן צונג, וואָרט ער אויף דער מעשׂה, אויף זײַן באַשער־טער, אָבער איצט מוז ער זי פאַרשיקן אין גלות. די וועלט איז דאָך איצט אין חושך און דעם פּאָעטס קאָפּ איז „אויף שבעה ימים / מיט די ברידער און די שוועסטער, / מיטן יאָמער פון די שטאַמען". דער שטאַרקער ווינט פאַרשלינגט דעם דיכטערס קול — „און גע־בליבן איז די מעשׂה / ניט געזאָגט און ניט געזונגען".

דעם פּאָעט איז ביטער, ער איז צווישן דיקע ווענט, און גיי רייד צו די ווענט אַז זיי האָבן ניט קיין אויערן! און רעדן מוז דאָך דער פּאָעט. „מיט שנעלקייט פון יונגע ציקלאָנען / אין ווילדן געוועט" — רעדט ער פאַרט. „מיט עקשנות פון ים / ...אין אייביקן ברויז און געשטויס צווישן זאַמד" — „רוט ניט און שטורעמט און טורעמט און רעדט דער פּאָעט". „מיט שווערקייט און צוטרוי פון זיכערן וואַרטן / פון גרעזל וואָס רוקט זיך פון שטיינערנער ערד, / מיט שׂמחה פון ווערן / און בענקשאַפט צום פעלד צום געגאַרטן / וואָס איז באַשערט — / לאַנגזאַמט און קלאַנגזאַמט און דראַנגזאַמט / און רעדט דער פּאָעט". און וואָס קומט אַרויס בסך־הכּל? 'אין דעם וואַלד פון וואָרט' פאַרלירן זיך די אותיות, פאַרלירן זיך די ווער־טער; „אין דעם וואַלד פון ליד / פאַרלירן זיך די זאַצן, / ווערן איין צעגליטער מיין פון אַ געבעט. / אין דעם וואַלד פון דער פּאָ־עזיע / ווערט פאַרלוירן און געבוירן דער פּאָעט".

און ווען עס פאַרבלייבט פּאָעט, קומט ער ווידער מיט מעשׂה און מיט שפּיל. פירט מען אויף זיין גוט־מאָרגן, אַלף פון 1946 אַפילו אין די לאַגערן פון שארית־הפליטה אויף דער דייטשישער ערד, און זיין פּורים־שפּיל און יאַסעלע פון 1950 העלפן ווידער צונויפשפּינען דעם גורל פון די אותיות מיטן גורל פון גאַנצן פאָלק, און דערביי ווערן די אותיות, לעבעדיקע באַשעפענישן, די טרייס־טערס פון פאָלק אין זיין בראָך. „טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט" — איז געווען פּרצעס געבאָט נאָך פון 19טן יאָרהונדערט, ווען דאָס האַרץ איז נאָך געווען פעסט און דער גייסט איז נאָך געווען שטאַרק.

✶

צו זיינע זעכציק יאָר האָט אַלף כּץ אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע גרעסערע לידערבוך פון 160 זייטן. עס איז אַ בוך פון „שפּיל און לידער" און עס טראָגט דעם אַזוי פיל זאָגנדיקן נאָמען **חלום־עליכם**. דער אַריינפיר איז דעם דיכטערס דעקלאַראַציע:

ייִדיש ליד, / זיד! / שרײַ — ניט ווער אַנטשוויגן.
זינג מיט יעדן אות און גליד / ווײַן — און זינג דײַן ניגון.

ווײַנען מוזסטו, ס'איז פאַרפאַלן, / ס'איז אַ קלאָג
אין דיר פאַרזייט:
צען מאָל שישים ריבוא גאַלן / ברענען אין דײַן אינגעווייד.

צען מאָל שישים ריבוא שטאַמען, / רופן, מאָנען:
ניט פאַרגעס!
היל זיי אײַן אין דײַנע פלאַמען, / אין די שורות פון דײַן נס.

ביסט דער יורש פון די רופן — / טראָג פאַנאַנדער
דאָס געשריי.
גיב די קולות ווערטער, גופן, / טראָג פונאַנדער זייער וויי.

ביסט אַ קרוב פון נביאים, / אין דײַן חורבן
טרייסטונג בליט —
ווײַן דעם וויי, נאָר זינג פון קיום, / כּי לכּך נוצרת, ליד.

דאָס ליד איז אָנגעשריבן אין אָקטאָבער 1945. דער פולער חשבון פון חורבן איז שוין געמאַכט. אָבער דעם חשבון מיט זיך און מיט דער וועלט און מיטן בורא? ווערן אַרויסגעפּאַנט פאַרן ייִדישן ליד צוויי געבאָטן: שרײַ! און טרייסט! וויפל די לונגען זײַנע האָבן געלאָזט, האָט אַלף כּח געשריגן, אָבער זײַן אייגענער דרך־המלך איז געווען טרייסט פאַר זיך און פאַר זײַן פאָלק. טרייסט פאַר זיך איז אין דעם ניגון פון ייִדישע ווערטער און אין דעם אויסגעשפּינטן חלום. דער ערשטער טייל פון בוך אַנטוויקלט דעם דיכטערישן אני־מאמין: בײַ דער האַנט דאַרף פירן ניט עפּעס אַ קאַלטע אידעאָלאָגיע, נאָר אַ לעבעדיק, אַ צאַפּלדיק ליד וואָס זינגט אינעווייניק, מיט דעם כּל־עצמותי־תּאמרנה, נאָך איידער זי ווערט אַרויסגעבוירן אין ווערטער. דערנאָך ערשט מעג קומען „דאָס ערשטע וואָרט" — „אַ מאַרגנשטערן". „דאָס ערשטע וואָרט איז די שוועל פון אַ נס, / דער צעפּראַל פון אַ טויער, / דער

פרוזדור פון פרייד / און דער אַנהייב פון טרויער". „נעם אַ וואָרט און שפּאַלט דערמיט דעם ים פון חושך" און רעד „ביז די העטסטע, ביז די לעצטע צײַטן". דאָס דאָזיקע וואָרט איז ניט דער ציטער־דיקער אוי, נאָר איז פאַרבאָרגן אין דעם זינגענדיקן משל, איז אײַנגעלײַלעכט אין אַ מעשׂה.

אַ וואָרט איז אַ ווערט, ווערטער זײַנען וועלטן. דעם דיכטערס ווערטער זײַנען דאָך אויסגעבענקטע ניגונים, אין האַרצן געמורמלטע תּפילות. אוודאי ניט דער בעל־תּכלית, דער פאַרקלעמטער צווישן „די מילשטיינער הימל און ערד", און אַפּנים אויך ניט דער זוכער פון שיינקייט וואָס רײַט אויפן וואָרט און קען לײַכטן אין אַ טאָל — ניט זיי באַקלעטערן דעם באַגערטן באַרג. מע דאַרף ברענען „מיט אַ ליכט אַ ניט־היגן" און ניט ווערן פאַרברענט אין דעם ניגון. עס איז אַפילו ניט גענוג צו דערהערן דאָס געזאַנג פון זאַמד און שטיינער, פון ים און שטערן, פון בוים און פון באַרג, פון גרעזל און פון גריל, — עס איז נייטיק צו דערפילן אַז „אַלץ וואָס לעבט און לײַדט און וויל און וויל... זיי האָבן אַלע איין באַגער, זיי זײַנען אַלע איך און דו און ער".

און אַלע זינגען איין געזאַנג, / און אַלע וויינען איין געוויין,
און וועלן ווײַטער זינגען, וויינען, / פרעגן איין געפרעג —
ביז צום סוף פון אַלע טעג, / ביז צום סוד פון אַלע טעג.

עס גייט ניט אין דערטראַכטן זיך, עס איז אַ מיסטעריע פון דערהערן פאַרהוילענע ניגונים, אין דערפילן מיט אַלע חושים און מיט איבערחושים, אין אַרײַנלעבן זיך אין פּרדס פון איטלעכן וואָרט. וואָס איז פּשוטער פון שטויב און וואָס איז נידעריקער פון שטויב? אָבער אַז מע דרינגט אַריין ׳אין פּרדס פון שטויב׳ און מע נעמט אַראָפּ די שאַ־שאַ־שין וואָס לאָזט ניט הייבן דאָס קול — דערזעט איר די טויב מיט איר צעפליגלטער ליבשאַפט; אָן די שומרים פון אַנהייב־שין און סוף־ב, דערפילט מען די פאַרטאַגיקע ווייכקייט, די האָפענונגען פון ערב־זון, דעם סוד פון אייביקן וואַקסן אין טוי;

ווען דאָס יודעלע פֿאַרצוימט זיך אײַנגאַנצן, געפֿינט מען אָפּרו און וואַרעמקייט, אין היים, אין שטוב; שנײַדט אַראָפּ פֿון שטויב די טעמפּקייט און די שטאַמלעניש פֿון ט — „עס טוט אונדז באַוויזן דער אותיות־נס / די שויב צו פֿאַרבאַרגענע וועלטן". אַלף האָט אַזעלכע לידער אָנגעהויבן מיט אותיות־שפּילערײַען ביז ער איז דערגאַנגען צו אַ נײַער אותיות־קבלה.

אין 1925 האָט דער דיכטער אָנגעהויבן מיטן בלאַט וואָס פֿאַלט אויף דער ערד אַ האַרבסטיק־פֿאַרוועלקטער. אין 1947 — פֿאַלט קיין בלאַט ניט אַראָפּ:

אַ בלעטל פֿליט אין ווינט.
דער זומערטאָג פֿאַרשווינדט.
דער בוים הייבט אָן זײַן נאַקעטקייט פֿאַרשטיין.
דער צער פֿון וויסן וויינט אַ גרויס געוויין.
— — — — — — — — — — — — — — — —
דער צער פֿון וויסן וויינט אַ גרויס געוויין.
דער סוף צעפּראַלט אַ טויער צו דעם אייביקן אַליין.
אין ווייגעשריי פֿון זקן וויינט דאָס קול פֿון קינד.
אַן עלנט בלעטל פֿליט, אַ בלעטל פֿליט אין ווינט.

אפֿשר מיט אַ פֿאַרגעפּיל פֿון יונגן טויט האָט דער לונגען־קראַנקער ר' נחמן בראַצלעווער געמאַכט פֿאַר זיך אַ פּראָגראַם: „איך וועל שוין אָנהייבן מעשׂיות צו דערציילן". אפֿשר אויך מיט אַן ענלעך פֿאַרגעפּיל און אוודאי דורכגענומען פֿון כּישוף פֿון מעשׂה, האָט אַלף כּץ געשריבן זײַנע 'מעשׂיות פֿון הײַנט און פֿון נעכטן' (זײַטן 29—28). דוגמאות — „פּישקע דער שטומער" שווימט אין אַ שיסל און וויינט; ווערט פֿון שיסל אַ ים און פֿון פּישל אַ לויתן און שלינגט אײַן דעם דיכטער ווי אַמאָל דעם נביא יונהן; אין פֿיש הערט דער דיכטער אַ בת־קול: „האָסט געטרייסט אים מיט אַ לידל אויף דײַן לירע / ... / ווען דער פֿיש געווען איז אין זײַן גרעסטער גרויס!" און דערווײַל „האָט דער פֿיש דורך דיר געזונגען,

אויסגעלייזט דורך דיר זײַן סוד". געדויערט ניט לאַנג, אַלץ ווערט ווי געוועזן — „אין דער שיסל אויפן טיש / ווידער שווימט דער פיש פאַרטראַכט, / און דער דיכטער וויינט און לאַכט". 'איציקל ציק' איז אַ מעשה פון „אַ צוציק אַ גריל" וואָס מע לאָזט ניט אַרײַן אין כאָר פון די גרילן. דערשלאָגט זיך איציקל ציק צום כסא־הכבוד און בעט זיך אַז ער זאָל מגולגל ווערן אין אַ גראָז „מיט שטילן געזאַנג וואָס איז רזי־דרזין". עס דרייט זיך פלינק אַ ניסים־ראָד, ביז איציקל טוט תּפילה: „גאָט, דײַנע וואונדער איך קאָן מער נישט טראָגן... שיק מיר צוריק, לאָז מיך אָפּ, איך וויל גיין, דײַן סוד איז צו גרויס פאַר מײַן קליינעם פאַרשטיין" — און זײַן געבעט ווערט ווידער דערהערט. ער קומט צוריק אַ געלײַטערטער, אַ דערהויבענער, אַ גלייביקער מיט אַ כאָר אין האַרצן. „ווען איציקל ציק האָט פון חלום דערוואַכט, / עס האָט נאָך געגליט אַ צע־שטערנטע נאַכט / פון שטילקייט צו שטילקייט געצויגן אַ בריק / און איציקל ציק האָט געגאַפּט אין זײַן ציק".

'אַ קו מיט אַן אומעט' איז ניט קיין פריילעכע מעשה „מיט אַ קו וואָס האָט פאַרלוירן איר מו". איז זי געווען פאַרזונקען אין אַ מרה־שחורה, האָט אַ לץ איר אַ נאָמען געגעבן פּרה שחורה. עס פאַרשווימען אַ סך לבנות, ביז די „אַנט־מו־איקטע" דערזעט טאַנצן אַ פּיפּיקן האָז, טאַנצן אין אַ „וויכער וואָס גיכערט אין גראָז", אַזוי ווי אין דעם האָז וואָלט געווען אַ האָז. אָט דער האָז דער צעהיצטער רופט אַרויס אַ געדאַנק אַ צעבליצטן: אפשר איז זי אַ קו... אין אַ קו... אין אַ קו? „עס גיט איר אין האַרצן אַ ברי — אַז ס'איז איר פאַרלוירענער מו פאַרשטעקט אין די אַנדערע קי?" מיט דעם בלײַבט זי פאַרגליווערט ליגן אויף דער ערד און אירע שפּיציקע הערנער ציִען זיך ווי זײַלן ליכט צום הימל, טויטערהייט פרעגט זי בײַ די שטערן: נו? „און זאָגט וואָס איר ווילט — איך בין גרייט דאָ צו שווערן: די הייך האָט צוריקגעוויינט: מו!"

'דער שפּילפויגל' פון זייגער מאַכט דורך אַ שווער גערעַנגל מיט דער קוקאַווקע און איז גובר. דער 'זיז', דער תּלמודישער

פויגל־ריז, האָט שוין אין די טויזנטער יאָרן פון זייַן ריזיקייט דורכגעפירט זייַן שליחות און איז אין דער גליקלעכסטער שעה געוואָרן אַ זיזעלע־זיז, אַ פּשוט פייגעלע וואָס זאָגט אַלעמען אָן דעם אָנקום פון פרילינג. און ווידער אַ מעשׂה מיט אַ קו וואָס האָט פאַרלוירן איר קעלבל און אַ קוקאַווקע וואָס פירט זי צום טייַך, וואָס אויף זייַן צווייטער זייַט איז דאָס געפונענע קעלבל. דער טייַך הייבט אָן ווערן שמעלער — „דאָס איז שוין אַן אַנדער מעשׂה, / אפשר גאָר אַ מין ברייַתא״.

נאָר צו וואָס צוקלערן מעשׂיות? איז דען ניט די שענסטע מעשׂה — די אייגענע קינדעריאָרן? קומט דער אָפּטייל פון בוך 'דאָס פּיסטערן לאָשיקל', ״אַ גאָלדענער סימן פון גאָלדענע טעג״. געבענטשט איז דאָך דער וואָס טראָגט ביז דער גרוב די וואָרע חלום־קרוין פון קינדהייט. דאָס פּיסטערן לאָשיקל האָט געקענט זייַן אַ פאַרביק קיכעלע וואָס דער טאַטע ברענגט אַ מתּנה ווען ער קומט אַהיים פון יריד, טאַקע מיט אַן אויפגעצייכנט לאָשיקל. בייַם פאָעט איז פון דעם געוואָרן אַ לעגענדאַריש פערדעלע, אַ פּאָעמע אין אָנדענק פון דער מוטער וואָס איז נפטר געוואָרן אין שבט תשי״ד. עס ווערט באַזונגען די יונגע מאַמע, די מעשׂיות־פאַרציילערין, און די גאַנצע משפּחה. און די ניסים פון אַריבער־שפּרייַזן דעם ים בייַם פאָרן צום טאַטן. אין דער פּראַקטיקער פּאָעמע איז צעזונגט און צעזונגען אַ ים וואַרעמקייט צו היים און צו נאָענטע „פון אונדזער משפּחה אין טאָל פון פרימאָרגן, / וואָס האָט ווי אַ סוד אויף להבא פאַרבאָרגן / דאָס פּיסטערן לאָשיקל, פערדעלע־פערד, / וואָס מיר האָבן איצטער זייַן טופּען דערהערט, / וואָס האָט מיט זייַן טאַנץ פון פאַרבאָרגענעם שאָל / געבראַכט אונדז אַ גרוס פון דעם גרינעם אַמאָל, / און פּונקט אַזוי פּלוצעם, אַזוי אומגעריכט / אונדז ווידער געוויזן דער מאַמעס געזיכט.״

די צווייטע פּאָעמע 'אונטערן בוים' איז אין אָנדענק פון טאַטן. די פאַראָבלטע זיצן און האָרכן דאָס שאָרכען, „דעם גרינעם געמורמל פון בוים, דעם געדענקער״, און יעדערער ווערט אַ „טרוי־

מער, אַ בענקער". עס באַווײַזט זיך אַ פֿאַנטאַסטיש מענטשל מיט אַ „גרין־האָריק בערדל" און עס פֿאַרוויקלט זיך אַ שמועס וועגן חלום, וועגן שירה וואָס איז פֿאַראייביקט אין שטערן, און וועגן „דערזינגען, דערזאָגן די שטומע באַגערן, פֿאַרפֿריידן דעם טרויער פֿון האַרצן" — ביז עס קומט צום סוף־דבר: „דער וועג אויף צוריק איז אַ וועג צו פֿאַרויסן". דער אַלטער ניגון פֿירט אַריבער „די גריבער פֿון צווייפֿל אויף זיכערע בריקן, / און אייביק ווי הימל אויף ערד איז דער תּיקון". דערנאָך זעען מיר ׳ציגעלע־מיגעלע׳ מיט פֿאַרוויינטע אויגן און הערן טרייסט פֿון שפּיגעלע, אַז ניט אַלעמאָל וועלן די יִדישע קינדערשע וויגעלעך בלײַבן ליידיקע, און דאָס ציגעלע דאַרף ווידער זיך שטעלן אונטערן וויגעלע, וואַרטן מיט די איינגעקויפּטע ראָזשינקעס און מאַנדלען און זינגען דאָס ניגעלע, ווײַל „נײַע יִנגעלעך, נײַע צינגעלעך דאַרפֿן לערנען תּורה".

מיר קומען צום לעצטן אָפּטייל פֿון בוך, טאָקע צו ׳חלום עליכם׳ אָדער ׳א קשיא אויף אַ מעשׂה׳ מיט אַן אָנווײַז: „שפּיל פֿאַר אַ באַלעט אין 3 אַקטן". דאָ איז ניט שייך איבערגעבן דעם אינהאַלט. עס איז אויך ניט גענוג איבערצולייענען די שפּיל. דאָ איז בייטיק נאָך יעדן אַקט צו פֿאַרמאַכן די אויגן און מיִען זיך צו זען וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער בינע און... אונטערצוברומען די פּאַסיקע ניגונים. אָט איז די ליסטע פֿון די ׳העלדן׳: נאַראַטאָר, ר׳ טרייטל מלמד, 14 קינדער, דעם רבינס טײַטל, 2 בערן, פּרינצעסין שולמית, ר׳ טרײַטל דער צווייטער, אַ ייִד מיט אַ שופֿר, אַ סופֿר, 3 דיינים, 4 יונגען, אַ בדחן, די רביצין, 3 קלעזמער, אַ לץ, אַ צווייטער, אַ דריטער, פּאַס, סמיטשיק, אַ דאַמע, קאַמזויל, איינער, אַ וויינער, אַ ייִד, צווישנרופֿערס, אויפֿפּאַסערס, עולם. און ניט אַרײַן אין חשבון זײַנען די געתּפֿילהטע אותיות פֿון אַלף־בית. פֿאַראַן דאָ אַ טאַנץ אַרײַן און אַ טאַנץ אַרויס פֿון דעם רבינס חלום, אַ חלום וואָס איז לענגער ווי די נאַכט. דער דיכטער איז דאָ פּילגעשטאַלטיק: דער נאַראַטאָר, דער בדחן, דער

לץ. דעם רבינס טײַטל. „אויסגעצויגן, ווי אַ וואָרעם קריכט די צײַט צו דעם רעגנבויגן" און „עס געשעט קפיצת־הצײַט". „דער מיין פון אַ ווערק ליגט אין יעדן באַזונדער, / און דאָס איז דער וווּנ־דער!" און אין ׳ליד צו דעם מיין׳: „חלום־עליכם, עליכם־החלום, / טיף איז דער חלום און גרויס, די וועלט איז אַ חלום / מיט טיפע משלים, / אַ מעשה וואָס לאָזט זיך ניט אויס". וועט עמעצער ערגעצוואו און ערגעצוווען האָבן די פּאָטעפּאַלגאָסט אויפצופירן די שפּיל אויף דער בינע?

✶

בכל־אופן איז אַלף כּץ מיטן בוך חלום עליכם געקומען אַן ערך צו זעכציק יאָר צום הויכן פּלאַטאָ פון זײַן שאַפן. אויף אַ ביסל נאָך העכערן פּלאַטאָ קומט אַלף אין — די אמתע חתונה (ניו־יאָרק 1964). עס איז פּרעמירט געוואָרן פון ביכער־ראָט אין ניו־יאָרק, דעם קאָמיטעט וואָס פּרעמירט שאַפונגען אויף דריי לשונות. דאָ האָט שוין דער פּאָעט געוויזן זײַן אייגענעם סוד — אין אים לעבן בשלום צוויי נשמות: שלום־עליכמס און ר׳ נחמן בראַצלעוועס, אָבער ער גייט דאָך אַרום אויף אַן ערד וואָס האָט שוין באַוויזן אַרײַנצוזאַפּן אַ סך מער פאַרגאָסן בלוט. ער איז פון דעם דור פון דער ערשטער העלפט פון אומגליקלעכן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ער האָט זיך פאַרשוואָרן צו זײַן אַ היילער וואָס האָט בלויז די פּאָלקישע רפואות פון ווערטל, פון מעשה, פון שפּיל. ער קען דעם פּאָקטנדיקן אומווערט פון וואָר און דעם שטראַליק־שפּינוועבסדיקן ווערט פון חלום. זײַן פאַך איז וועבערײַ און ער קען צעפּעדעמען דאָס געוועבטע. ער ווייס אויך אַז פון אַ וואָרט מוז מען מאַכן אַ קוואָרט, אַמאָל צעוויקלען אַ גאַנצע מעשה, אַמאָל פאַרדראַמאַטיזירן אין אַ גאַנצער שפּיל. פאַר שיינקייט האָט ער נאָר איין עכטע כוונה — קיום. אין זײַן שטילער באַשיידנקייט האָט געצוימטערהייט געברויזט אַ גראַנדיעזע אַמביציע: דער צויבער פון וואָרט זאָל ברענען זײַן צונג, ברענען און לײַכטן, ברענען און אפילו לאַכן.

דאָס בוך די אמתע חתונה עפנט זיך מיט אַ פּראָלאָג:

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד וואָס וויל געזונגען ווערן —
אין בלעטל פון אַ בוים, אין פינקל פון די שטערן,
אפילו אין אַ שווייַגנדיקן שטיין
וואָס ליגט מיט אַ פאַרגליווערטן געוויין.

אפילו אין די קנייטשן פון אַ טייַך אַ מידן,
אָוודאי אין די כוואַליעס פון דעם ים וואָס זידן,
איז דאָ אַ ליד וואָס זוכט אין וואָרט אַ היים,
ווי פורעם זוכט אין טעפּערס האַנט די ליים.

נאָך מער איז דאָ אַ ליד אין יעדן וואָרט באַזונדער,
נאָר שלאָגן שלאָגט אַרויס דערפון דער קלאַנג פון וואונדער,
ווען וואָרט אין וואָרט ווערט אָנגעשאַרפט און גליט,
צינדט אָן דעם קנויט פון האַרץ מיט נס וואָס בריט.

און ווען דער נס געשעט און ווען דאָס האַרץ טוט בריִען,
עס כאַפּט זיך דאַרטן אויף און גרייט זיך זינגען, פליִען
דער אומעטיקער פויגל אין מייַן שטייַג
און וויל זייַן אומעט זינגען, נאָר ער שווייגט.

ער קוקט אויף מיר מיט שטומע אומעטיקע בליקן —
צי וועט ער זיך אַמאָל דערוואַרטן אויף אַ תיקון,
ווען וואָרט אין וואָרט אַ גלי טאָן וועט דעם קלאַנג,
מסוגל פאַר זיין ווייַנענדיק געזאַנג.

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד וואָס וויל געזונגען ווערן,
און יעדער וויל אַרויסדערציילן זייַנע טרערן —
ער זאָל ביים סוף פון טאָג ווען ער איז מיד
ניט בלייבן מיט זייַן טרערנדיקן ליד.

די צענטראַלע פּאָעמע פונעם בוך איז אַ שפּיל אין זיבן סצע־נעס וואָס הייסט טאַקע 'די אמתע חתונה'. ס'איז אויך מיר אַ חתונה! שוין איין מאָל אַ חתונה! איז דען ניט אונדזער גאַנץ לעבן אומ־שטיינס געזאָגט די אמתע חתונה מיטן געדרענג און הו־האַ, מיט קלעזמאָרים און הבל־הבלים? און איז דען נישט דאָס ייִדישע לעבן ביי אונדז די אמתע חתונה? צו אַלף כּצס חתונה קומען עלף און צוואַנציק אומגעבעטענע געסט. דאָס זײַנען די קליינע, פאַרכמורעטע, אַנגעברוגזטע, שוויַיגנדיקע שרעטעלעך, נישטיקע שדימלעך, „ר' חוזקס אייניקלעך". דער בדחן בליצט און שוויצט און ער קען זיי ניט פריילעך מאַכן. די קונסט וואָס דאַרף באַיאַען דאָס לעבן איז ניט גענוג שטאַרק לגבי ציניזם און חוזק. די שרע־טעלעך קענען נאָר אַרויסגעלעכטערן: ניין! ווערט אַ מהומה. די כּלה איז צעשוידערט פון די שווערסטע פאַרגעפילן, דער חתן ווערט בלייך ווי די וואַנט. אויס שׂמחה! מיט די לעצטע כּוחות רײַסט אַראָפּ דער בדחן די מאַסקעס פון די ניין־זאָגערס. מיט דעם כּישוף פון גראַמען „פריש צעצווילינגטע", ווערט די כּלה „ווידער אַ צע־פרילינגטע", און די נעבעכדיקע ניין־זאָגערלעך מוזן בעל־כּרחם נאָכזאָגן אמן נאָך יעדער ברכה. סע זיגט דאָס דערהייבנדיקע אין אונדזער לעבן, דער אָפּטימיזם איבערגוואַלד, למרות הכּל.

אַזוי איז אויך אין דער באַלאַדע 'די גרינע קאַפּאָטע און גאָל־דענע קרוין'. די קרוין האָט אַפילו גלעקלעך. אָט די מעשׂה „איז נאָך ניט געשען", אָבער זי מוז ווערן, „כּדי אַ געשלאָגן געמיט צו פאַרהיילן". שפּילן זיך פונאַנדער וואונדיירים מיט און אַרום די צוויי מאָדנע פאַרשוינען וואָס באַלייטן דעם דיכטער. זיי שענקען דעם דיכטער איינער אַ גרינע קאַפּאָטע און דער צווייטער אַ גאָל־דענע קרוין. די סטרונעס פון האַרצן צעשפּילן זיך „מיט אַ געצי־טער", ווײַל דאָ איז פאַראַן אַ סוד, און אים האָט גענומען אין קבר אַרײַן „דער איינציקער היטער פון גאָרטן, געפלאַנצטן מיט פרייד און מיט פּײַן". פּלוצעם ווערט אַרום דעם דיכטער אַ ראָד פון טאַנצנדיקע קינדער מיט צעשטראַלטע פּנימלעך. האָט דער

דיכטער דערפילט „אַ נײַע שליחות" — „און ס'האָבן אויף אים זיך צעשטראַלט מיט דערשטוין די גרינע קאַפּאָטע און גאָלדענע קרוין".

דער לית־ברירה־אָפּטימיזם איז אויך אין אַ פּאָר משלים. ער איז אויך אין דער פּאָעמע 'דער סוד פון דער טרער'. דער שׂר פון שירה־בוים פאַריאָגט די שלאַנג פון שרעק, קען מען שוין „פאַרפריידן" האַרצווייי. 'דער סוף פון דער מעשׂה' טרייסט אַז אַפילו מיט זײַדענע פליגלען קען מען „אַרײַן אין דעם האַרץ פון אַ באַרג".

'דאָס אויג און דאָס ליד' איז פאַרן פּאָעטס שטענדיקן שותּף — זײַן דור. עס קומט פּלוצעם אַרײַן „ווי אינמיטן אַ חלום" אַ ייִד פון זײַן שטעטל און זאָגט אים אַז עס גייען אים נאָך — דורכן פאַר־טריבענעם געפיל פון יאָרן — „די רעטשענע לאַטקעס און קאַשע מיט מילך", דער מזרח וואָס האָט געלויכטן אויף אַ וואַנט פון זייער שטוב, דאָס ביימל אין געסל, די חסידישע ניגונים, די קאַטע־רינקעס וואָס האָבן געשפּילט אויף אַ יריד, דער וואַלד און די פעלדער און דער טײַך, „די שוסטערס און שנײַדערס און אַנדערע לײַט וואָס שפּאַסן און שפּילן מיט ווערטלעך", „די וואַרעמע טרער פון אַ פריילעכס". און בזכות זה ברענגט אים דער לעצטער פּליט פון חרובן שטעטל אַ „גלעזערן אויג". זעט זיך דער דיכטער אויף אַן אינדזל, „פאַרטונקען אין גרין" און זײַן הימל ווערט פאַרטאָגיק באַשטערנט", לערנט ער זיך אויס בײַ דעם ליכט פון אַ נײַעם באַגין „אַ ליד בײַ די שטערן".

'דער לעצטער בוים' איז אַ באַלאַדע וועגן אַ צעצווײַגטן קאַשמאַר אין „אומענדלעכער אַליינשאַפט" און פאַרענדיקט זיך מיט אַ זעאונג אַז דער דיכטער טראָגט אין זיך צוויי וועלדער: אַ וואַלד פון אַש און אַ וואַלד וואָס וויל ערשט אַרויסשפּראָצן; נאָר דערווײַל איז דער פּאָעט „דער גאַנצער וואַלד אַליין". 'די נסיעה' — דער געטרײַער אליהו באַלייט אויפן יריד אײַנצוהאַנד־לען דאָרט „דעם חידוש פון זײַן ייִדיש ליד". דער חשבון פון יריד

איז נאָך ניט פאַרענדיקט און עס דערמאָנט זיך דעם קאַצקערס אַ זאָג: „דער וואָס מיינט ער איז שוין פאַרטיק — דער איז אָפּגע־קאָכט". עס ווערט קלאָר אַז „ווערן טאָר דער יום־טוב־פלאַקער קיינמאָל ניט פאַרוואַכט".

'דער אוי פון באַדויער', דער קנויט אין דעם לאָמפּ פון אַן אָבל, לעבט אַלץ און אַלעמען איבער, קיין כּוח פאַרהאַלט אים ניט, „דעם אוי פאַרבאַנאַלטן", „ווײַל ווײַ ווערט מיט ערשטיקער שאַרפ־קייט באַנײַט". אַ סגולה צו אים איז אין 'אַ ליד צו אַ פּשוטן ייִד', צו שלום־עליכמען, וואָס האָט „דעם גלית פון אומעט באַזיגט". „אַז וואויל איז צו אונדז וואָס מיר האָבן פאַרהיט די פרייד פון דעם טײַערן, פּשוטן ייִד".

דאָס בוך וואָס איז „אַ לייטער פון לידער, פון מעשׂיות און שפּיל" פירט אַרײַן 'אין בראַצלעווערס וואַלד'. אַ מעשׂה מיט זיבן משלים' גיט איבער די תּורה פון דעם רבין, „ווי ער וואַלט געוועזן דעם ברעג פון הימל אָנגערירט". דער ערשטער משל — „אַלץ וואָס אַ מענטש אין זײַן לעבן פאַרמאָגט איז גאָרנישט אַנטקעגן דעם גרויסן געשאַנק... דאָס שטילע געזאַנג פון פּשוטע ווערטער"; דער צווייטער משל — „תּשוקה פון מאַן און פון ווײַב וואָס ווערט פון כּאור ביז כּאור ניט געשטילט"; דער דריטער — „אַ משל פון גיין, פון לאָזן זיך וואַנדערן איינער אַליין"; דער פערטער — „אַ משל פון פלאָם... וואָס שיילט אָפּ דעם פאַרהאַנג פון איטלעכער זאַך"; דער פינפטער — „אַ משל פון שווײַג אין האַלדז פון אַ פויגל וואָס זיצט אין אַ שטײַג"; אין זעקסטן — „אַ משל פון לעבן און טויט. אַ ריזיקער בוים האָט געברענט ווי אַ קנויט... עס איז ניט פאַר־מינערט געוואָרן זיין שטאַם"; „דעם זיבעטן משל דערציילט האָט אַ שטיין, געהערט האָט ער זאָגן דעם רבין אַליין:... געוואַלד, ייִדן, זײַט זיך ניט מייאש, / געוואַלד, ייִדן, זײַט זיך ניט מבייש".

'דער פויגל און זײַן כּלה' וועגן דער שׂמחה ווען דער פויגל האָט געפונען אַ ציפּור שני, אַ זי; „געפלאַקערט האָבן אַלע / בלעטער פון דיביימער גרין / אויף דעם פויגל מיט זײַן כּלה /

ווי אַ חופּה ביז באַגין". „אָבער כעלות הבוקר... האָט זיך אַ צעצי־
טער אויף דעם פויגל אָנגעיאָגט". און „ציפּור, פייגעלע, ציפּורה — /
האָט גערופן זײַן געווין, / ביסט אַוועק ווי די אַשמורה, / ווידער
מיך געלאָזט אַליין". די ביימער אין וואַלד האָבן דעם פאַרבענקטן
ניט געקענט העלפן, נאָר „די זי שטילט זײַן פאַרלאַנג" — זי איז
אַרײַן אין אים, זי זינגט איצט פון אים.

'דער בן־מלך און דער שטעקן' דערציילט: אַ בן־מלך איז
אַרויס פון זײַן טאַטנס רשות און געלאָזט זיך וואַנדערן מיט אַ
שטעקן וואָס אַ צווײַג האָט אים געשאָנקען. דער בן־מלך דערפילט
אַז ניט ער גייט מיט זײַן ווילן, נאָר דער שטעקן פירט אים. „היות
ווי עס האָט שוין געאָוונט אין טאָל", האָט ער פאַרגעסן זײַן פאַר־
דאַכט אויפן שטעקן. „ווען די זון האָט די נאַכט אויסגעמעקט",
איז דער בן־מלך ווײַטער אַוועק, ביז ער איז געקומען „צום ברעג
פון אַ שטורמישן וואַסער אַ טיפן". אַ פאַרביטערטער וואַרפט ער
אַרײַן דעם שטעקן אין ים — דער ים האָט זיך אָנגעצונדן און איז
געוואָרן אַ „גרינער, באַזוניקטער, טרוקענער טאָל". דער שטעקן
שטייט שוין ווידער בײַ זײַן זײַט. צעברעכט ער דעם שטעקן און
ער איז אין אַ קלעם: איין האַלבער שטעקן פירט אים אויף צוריק
און די צווייטע העלפט פאָרויס. שפּרינגט ער אויף אַרויף. אָט איז
ער שוין בײַ די שטערן. נאָר אַ געשפּאַן פון צוויי פערד ברענגט
אים צוריק אויף דער ערד. ער באַשליסט: זיך לאָזן פירן פון
שטעקן, אַבי ווײַטער גיין. קומט ער צוריק אַהיים. „דער וועג צו
דעם אייגענעם האַרצן איז ווײַט". דער רבי האָט אַ גאַנצע נאַכט
דערציילט די מעשׂה און ווען עס האָט שוין געטאָגט, האָט ער
מוסיף געווען: „דער עיקר איז... ניט בלויז דאָס לאַנד צו גע־
פינען און נישט בלויז בשלום אַהינצו אַרײַן, נאָר אויך ווי אַזוי
דאָרט אַ מלך צו זיין".

אין אַן אַנדער געמיט, כמעט אויף אַן אַנדער לשון איז דער אַפּ־
טייל 'אַ טיגער אויף אַ שטריק', וואו עס געוועלטיקט דער גראָ־
טעסק. אַלף גייט זיך „אַזוי געלאַסן, אַ פאַרטראַכטער אַ ניט־היגער",

פירט גאַר געלאַסן אַ טיגער. ׳מאַנאַלאַג פון אַ זעברע׳ — איז עס אַ „טיגעריש פערד״ אַדער „אַ פערד מיט אַ טלית״? און אַן אַלטער זעברעער באַקלאַגט זיך אַז זייערע תּפילות דערגייען ניט צום כסא־הכבוד, ווײַל די מלאכים פאַרשטייען ניט זעברעאיש. מיט זײַן גאַרער פּראָפעסיאָנעלער דערפאַרונג מאַכט כּץ חוזק פון ׳די ערשטע זײַט׳ — מאַנאַלאָגן פון אַ נײַס־רעדאַקטאָר. עס קומט אַ כעלעמער מעשה ׳דער רעד־נאַר׳. ׳דער קעניג און דער ווינט׳ איז אויך כעלעמיש. ׳ר׳ אלתּר פיש׳, ר׳ שמעון וואַלפיש, אַשר תּם, פלעדערוויש — לעבן אַלע אין וואַסער און רעדן און פירן זיך אויף ווי אונדזערע מענטשעלעך. ׳מיטוואָך׳ איז אַ חקירה וועגן אָפּשטאַם פון ווערטל אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, אָבער ניט דאָס איז דער מחבר אויסן.

צום סוף אַ שפּיל ׳דער טײַוול און פּײַוול דער בעקער׳. עס איז אַ געראַנגל צווישן ר׳ פּײַוולען (נאָך כּצס אַ פּסעוודאָנים) און דעם טײַוול. דער זיגער איז דער בעקער, ווארעם „אַ פרייד איז אָבער אויך דאָס באַקן אַליין, ווײַל לא על הלחם לבדו״ לעבט דאָך דער מענטש. דער צווייטער טייל פון שפּיל הייסט גאַר ׳פּאַניע פלאַם און פּאַניע גראַם׳ מיט אַ פאַרמעסט צווישן שמייכל און אוי, צווישן שד און פּאָעט (איצט שוין פאַרדרײַפּאַכט: צו גראַם און פלאַם קומט נאָך צו איך) מיטן גליקלעכן סוף לויט „רבי עקיבאס פאַרזאָג: געפּרוווט יעדן טאָג זיך מיט לידער פאַרשפּילן כּדי דאָס געוויין פון זײַן האַרץ צו פאַרשטילן״.

די אמתע התּונה פאַרמאָגט די אייגהייט פון דער כּוונה און די פילקאָליריקייט בײַם באַקליידן זי. כּמעט אַן דעם איך פון ליריק, איז אַלף כּץ אויך דאָ, ווי אין זײַנע פריערדיקע ביכער, דער ליריי־שער פּאָעט מיט אַ דינעם ווייטיקדיקן שמייכל צו דער וועלט און צו זיך. שפּילט ער אויף זײַן אייגענער כּלי אין אָרקעסטער פון אונדזער פּאָעזיע. ניטאָ בײַ אים — ווי דאָס קען זיך טרעפן — קיין שום ווידעראַנאַנד צווישן דער פּערזענלעכקייט פון דיכטער און דעם מהות פון זײַן דיכטונג.

*

אַלף (ביַים ברית — משה־אברהם) כּץ האָט שטענדיק גע־מאַכט דעם איַינדרוק אַז ער האָט קוים כּוחות צו טראָגן זיַין מאָ־גערן גוף, אָבער זינט ער איז קראַנק געוואָרן אויפן בייזן ראַק איז ער געוואָרן אַ געוואַלדיקער גיבור. אַ צענדליק יאָרן האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיַין מחלה. אַן אָפּעראַציע האָט אויסגעשניטן אַ העלפט פון די לונגען, אָבער זי האָט ניט אָפּגעשטעלט זיַין שאַפן, זיַין נאָרמאַלן יום־יום. זיַין שטים איז געוואָרן דעמפּיקער, שוואַכער, האָט ער נאָך מער ליב באַקומען פאַרצולייענען פאַר אונדז (פאַר מיַין פרוי און מיר) זיַינע לידער. לאַנגע חדשים איז ער געווען כּמעט בלינד און ער האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג און דערביַי מיט הנאה געלייענט פאַר אונדז און ער פלעגט אויך ציַיטנוויַיז זיך בעמען צו דער פען. איַנגאַנצן אַ בלינדער, האָט ער זיך געדונגען אַ סעקרעטאַרין וואָס ער האָט איר דיקטירט זיַינע שורות. שוין אין דער לעצטער סטאַדיע פון דער קראַנקייט, ווען די ענד האָט שוין געקלאַפּט אין טיר, האָט ער אויסגעסדרט אַלץ וואָס קומט אַריַין אין מאָרגנשטערן און צוגעשריבן געזעגן־בריוו. מיר האָבן קיינמאָל ניט געהערט פון אים קיין אוי, קיין באַקלאָגן זיך אויף יסורים, אויפן גורל. עס איז געוואָרן ניט גרינג צו באַזוכן דעם קראַנקן פריַינד, וויַיל מע האָט דאָך געמוזט אָנטאָן די מאַסקע פון האָפענונג אויפן פּנים. צוויי מאָל האָט ער אַ לענגערע ציַיט פאַרבראַכט אין שפּיטאָלן און זיַין הויפּט־זאָרג איז געווען ניט מטריח צו זיַין די קראַנקנשוועסטער. אויסגעגאַנגען איז ער אויפן אייגענעם בעט. ערשט די לעצטע טעג איז ער געוואָרן אויס מענטש. אַ טאָג פאַר דער פּטירה, אַרומגערינגלט מיט עלעקטרישע וואָרעם־האַלטערס, האָט ער געציטערט פון קעלט און געפּיַיניקט זיך ביַי יעדן אָטעם. איז עס ניט אַ גבורה און אַ זכיה אַז די לעצטע קראַנקע יאָרן האָבן ניט פאַרלייקנט די ייִנגערע, די געזונטע, די שמייכלענדיקע?

דער לעצטער בײַטראַג, דער מאָרגנשטערן, איז דער געטרײַער המשך פון חלום עליכם און די אמתע חתונה, ווען דער דיכטער איז שוין געשטאַנען אויפן העכסטן שטאַפּל פון זײַן פּאַעטישן דערגרייך. בײַם לייענען די הומאָרעסקע ׳דער סוד״ דאַרף מען ניט פאַרגעסן אַז געשריבן האָט זי דער פּאָעט ווען ער האָט שוין שטאַרק געפילט זײַן קראַנקייט. אגב איז עס דער בעסטער מוסטער ווי אַזוי דער מײַסטער האָט פאַרשטאַנען פון די עטלעכע ווערטער „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד״ אויפצובויען פּיתום ורעמסס.

אין דער גרויסער פּאָעמע וואָס גיט דעם נאָמען דעם איציקן בוך ווערן אַזוי צעזונגען די קינדערשע און יוגנטלעכע לעבניאָרן אַז קיין גלײַכעניש צו דעם איז ניטאָ ניט אין אונדזער פּאָעזיע און ניט אין אונדזער בעלעטריסטיק. דער מלמד מיטן טײַטל איז צו אָפּט געוואָרן דער שלימזל מיטן קאַנטשיק. אַלף האָט אַנגעטאָן קרוי־נען אויפן שטעטלשן מלמד און אין דער זעלביקער צײַט אויפן מורה. דאָס פּיצעלע שטעטעלע אין וואָלין שפּרייט זיך אויס ווי אַ פּערל־פּאַנאָראַמע, וואו דאָס ׳וועלדל׳ איז גאָר אַ געסל פון תורה, וואו אויפן בית־החיים איז דער אוהל פון ר׳ אהרן קאַרלינער, וואו אין די שטיבער ציטערט דער מיסטישער ניגון וואָס האָט שפּעטער דערהויבן אַנסקיס דיבוק, וואו עס קומען סוחרים מיט ניסימדיקע קוק־קעסטלעך, וואו דער גלעזער און דער מלמד איז אַ למדֿ־וואָוניק, וואו עס איז ניטאָ קיין פאַרביסענע מלחמה צווישן אַלט און נײַ, וואו יאָר־איין יאָר־אויס עס לאָזט זיך אַראָפּ דער בלויער חסיד הערש־לייבעלע. אַלף קען אויך ניט דורכלאָזן די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע, דעם ד״ר שלמה מאַנדלקערן, וואָס האָט די ערשטע זעכצן יאָר פון זײַן לעבן פאַרבראַכט אין טריסקער בית־מדרש פון שטעטל, און זײַן אייגענעם חברל איצע יודע־לייבס, יצחק למדן, דער מחבר פון דער פּאָעמע מסדה. אגב־אורחא קומט אונדזער דיכטערס טיפּזיניקע אַליין־כאַראַקטעריזירונג — „מײַן מסדה איז דער אלף־בית״. אויף אַט דעם גרויסן לײַוונט זײַנען אויך פאַראַן די משפּחה־געשטאַלטן מיט יאָרן פון גליק און פון פּײַן.

אויב מיר וואָלטן פריִער ניט געהאַט קיין שום קינדהייט־ און יוגנט־מאַטיוון, וואָלט אָט די איינציקע פּאָעמע געווען גענוג אויפצודעקן די וואָרצלען פון דעם דיכטער און פון זיַין דיכטונג. אַ צוגאָב איז אין 'מיט פלי פון אַ ליד' — „יעדער פון אונדז האָט אַ רגע אין לעבן / וואָס ווערט אונדז פון העכערן חסד געגעבן / צו העלפן פאַרטראָגן די ביטערע גאָב, / זיַין האַרץ ווערט אין שטויב אָן רחמנות געטראָטן / אַז גאָט זאָל געווינען זיַין קאַמף מיטן שׂטן".

אַלף כּץ האָט אין תּוך זיך אויסגעבעטן אַ גוטע מערכה: ער האָט דאָך געהאַט טויזנטער אָזעלכע רגעס פון גנאָד.

אין זיַין צוואה האָט אַלף כּץ אָנגעזאָגט אַז נאָך דער פּטירה זאָלן „זיַין צוויי בענדער: איין באַנד זאָל הייסן דער מאָרגנשטערן" (און דעם באַנד גיבן מיר איצט דעם לייענער)... דער צווייטער באַנד זאָל טראָגן דעם נאָמען דאָס פּינטעלע ייִדיש און זאָל אַנטהאַלטן אויך די שפּילן „שיקע קוקוריקע" און „די בריק". לאָמיר האָפן אַז די צוואה וועט דורכגעפירט ווערן בשלימות.

אַלף כּץ האָט געקאַרגט מיטן שריַיבן.

„איך שוואַנגער נאָך לענגער ווי אַ העלפאַנד", האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטאָן. אַ שטויס צו שריַיבן פלעגט געבן שוין אַן אויסגע־ניצטער מאָטיוו, ווען עס איז געקומען דער באַגער אים צו פּאַרטיפן, אָדער אַ ווערטל צי אַן אַלטער זאָג וואָס האָט אויך אין חלומות בייַנאַכט ניט געלאָזט צו רו. אַ דוגמא איז 'דאָס לעצטע פּינטעלע'. אויף אַ זיצונג פון ווערטערבוך־קאָמיטעט (אין 1962) האָט אַלף כּץ געפרעגט דעם רעדאַקטאָר, פאַרוואָס איז אין אויסלייג פון ווער־טערבוך פאַראַן אַ פּינטעלע אין בּ, און באַקומען האָט ער אַן ענטפער: „אַזוי הייסט דער סידור. אַזוי איז אין סאַמע ערשטן וואָרט פון חומש". מער ווי צוויי יאָר שפּעטער ברענגט אַלף אַ ליד און זאָגט: „דאָס פּינטעלע אין בית האָט מיך לאַנג געמאַטערט" און גיט דאָס שייַנע ליד וועגן משהס טויט. פון אַ צופעליקן שטויס זיך צו פאַרטראַכטן וואַקסט ביים דיכטער אַרויס אַ זעלטן געוויקס. מע זאָגט „שרייבן מיט טרערן"; פון דעם זאָג האָבן מיר אין בוך

אַ זיבנגאַרנדיקן בנין (זען 'באַלאַדע אין זיבן טרערן'). און ווי אַלט אַ מאָטיוו זאָל ניט זײַן, ווי עס איז אַלט די טרערנוואַנט, קען אַלף אַרויסגעפינען אייגנס, פרישס, אַנדערשדיקס (זען 'דער שמייכל אין דער וואַנט').

אַלף כּץ איז תּמיד געווען פול מיט דאַכטענישן און מיט דיכ־טענישן וואָס זײַנען ניט אַלעמאָל אַרויף אויפֿן פּאַפּיר. זײַן נשמה האָט געפלאַטערט צווישן אותיות. זײַן צונג האָט געפילט דעם פולן טעם פון ווערטער. זײַן אויער האָט געהערט די שטילע פּאָלקישע ניגונים. אַזוי ווי ר' שמעון בן חלפתּא אין זײַן נאַכטישן גאַנג, האָט ער זיך געטרייסט און געשטרעבט צו טרייסטן מיט אילת־השחר, בעת גופישע אויגן האָבן נאָך ניט געזען די הינדין פון באַגין. מנחם באַריישאַ האָט אַמאָל געזאָגט: „מיר זײַנען אַלע געשטאָר־בענער ווי מיר מיינען"; אַלף כּץ האָט אויף זיך געוויזן אַז מיר קענען זײַן לעבנדיקער שטאַרבנדיקערהייט.

דעם שטומען, דעם אַנווערטערדיקן חשבון מיט רבונו־של־עולם האָט דער דיכטער פאַרענדיקט דעם 23סטן יאַנואַר 1969. בײַם הספד האָט דער פאַרטרויערטער עולם געהערט מײַנע ווערטער: „ער האָט געציטערט, געפלאַטערט מיטן געפיל אַז אין נגלה פון דער פּשוטסטער זאַך, פון אַ טאָגטעגלעך געשעעניש לעבט זײַן פאַרשלייערטער תּוך, דער עיקרדיקער נסתּר. דער דיכטער קען בלויז מרמז זײַן אויפֿן סוד פון וואָרט, אויפֿן סוד פון אַנגע־שריבענעם און ס'רוב ניט־אַנגעשריבענעם ליד, וואָס זײַן ניט־געזונגענער ניגון קלינגט אין פאַרנעפּלטן אויער. אָבער ער האָט פאַרנומען דעם קול־דממה־דקיקן ניגון פון שטילקייט אין האַרץ און אין דער וועלט. אַלף כּץ האָט דורכגעשפּרײַזט זײַן וועג לויטן געבאָט פון דעם פּויער דעם נביא מיכה המורשתי: הצנע לכת עם אלוהיך. זײַן נשמה האָט געפליגלט צווישן די הייליקע אותיות, ווען ער האָט זיך דערנערט מיטן „מאַנדל־טעם פון וואָרט". ער איז געווען דער וועבער פון וואָרט און פון חלום דער זינגער. ער האָט

זיך אַנטפּלעקט: „די וואונד פון וואונדער ברענט אין מיר / און ציטערט מיטן וויי פון אַ געווינערין״. אין יאָרן פון חורבן און פון נאָכן-חורבן האָט דער דיכטער זיך געמיט צו געבערן טרייסט. די געווינערין, די ייִדישע פּאָעזיע, מוז געבערן טרייסט.

דער מאָרגנשטערן

דער מאָרגנשטערן

(אַ נאַכט אין 3 אשמורות)

די ערשטע אַשמורה: מיר שטייען־אויף

א

אין מיטן פון די שווערע זיבן יאָר די טרעריקע,
(דער טאַטע איז געווען שוין דעמאָלט אין אַמעריקע,
אַ שוועסטער אויך;) עס האָט מײַן ברודער איין מאָל אַ פאַרטאָג
מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און אויפן אויער מיר געזאָגט,
אַז ס'זאָל די מאַמע מיט דער יִנגסטער שוועסטער נישט דערהערן:
„שטיי־אויף! שוין צײַט! ווײַל אָט־אָ באַלד גייט־אויף
דער מאָרגנשטערן!”

געווען איז דער־אָ זאָג בײַ אונדז אַ סימן אָפּגעמאַכט,
אַז אויפשטיין זאָלן מיר אַ מאָל אין מיטן פון דער נאַכט,
כּדי אַז ווען די כּוכבֿי־בוקר הייבן־אָן צו גליִען,
און נאַכט, דערשפּירנדיק דעם גלי, אַנטלויפט און לאָזט זיך פליִען,
מיר זאָלן אפשר זוכה זײַן דערהערן דאָס געזאַנג,
וואָס שמייכלט אין דעם הרף־עין פון דעם איבערגאַנג.

נאָך מער דערפון האָט אונדז געלאָקט צו זען דעם אָנהייב פון
אַ נײַעם טאָג, אַ נײַעם הימל מיט אַ נײַער זון,
ווײַל, אוי, האָט אונדז, אין יענער צײַט פון ביטערניש, געצויגן
דעם זיסן טעם פון ערשטיקייט פאַרזוכן מיט די אויגן!
און ווײ, ווי ווײ געטאָן האָט אונדז די בענקשאַפט נאָך דער פרייד
פון איידער אונדזער הויזגעזינד געוואָרן איז צעשיידט!

ווײַל איידער נאָך עס האָט דער ים געשפּאָלטן אונדזער הויז,
פֿאַרשוואַרצט אין אונדזער גאָרטן האָט די ווײַסע פֿלאָג אַ רויז —
אַ שוועסטערל געפֿאַלן איז פֿון שׂטנס אויג אַ קרבן,
און אַלע זײַנען מיר מיט איר אַ ביסל מיטגעשטאָרבן,
געבליבן מיט אַ וווּנד, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט פֿאַרהיילט...
ביז הײַנט נאָך ווערט דערפֿון בײַ אונדז מיט ווײ אין קול דערציילט.

ביז הײַנט אויך בענקט זיך נאָך דער צײַט, ווען ס'האָט
אין אונדזער וועלט
בײַם שבת־יום־טובדיקן טיש נאָך קיינער נישט געפֿעלט...
פֿון אַלע טישן אָבער איז געווען דער סאַמע שענצטער,
ווען ס'האָט צו אונדז אַרײַנגעקוקט דאָס שטעטל דורך די פֿענצטער,
אין זומערדיקע שפּייסענאַכטסן, און זיך מיטגעפֿרייט,
ווען ס'האָט דער טאַטע מיט זײַן פֿידל אַ געזאַנג באַגלייט —

פֿון צונזערס סאָבע מיט דער בענקשאַפֿט צו דער פֿרייד פֿון פֿעלד,
גאָלדפֿאַדענס פּײַערל, וואָס פֿלאַקערט און באַלײַכט די וועלט,
וואַרשאַווסקיס אויפֿן פּריפּעטשיק מיט אותיות פֿון טרערן
און פֿרוגס געזאַנג, וואָס רופֿט צו גאָט און מאָנט ביי אים
די שטערן...
נאָר טיפֿער האָט גערעדט צו אונדז התקוה, אימבערס ליד
פֿון האָפֿענונג און טרייסט, וואָס האָבן אין דעם ליד געבליט.

ב

נאָר אָפּגעטאָן האָט זיך די פרייד פון אונדז אין יענע טעג,
ווייל מיטן טאַטן און דער שוועסטער איז פון אונדז אַוועק
נישט נאָר דער פידל, נאָר דערנאָך — דער גאַנצער דרך־ארץ,
ווען אָנגעקומען פון ניו־יאָרק אין שטעטל איז אַ תירוץ,
אַז אין דער גאָלדענער מדינה בושעוועט די נויט,
און אַז דער טאַטע מיט זײַן פידל בעטלען ביידע ברויט.

די זעלבע מעשׂה האָט דער טאַטע אונדז אַליין דערציילט
אין זײַנע קלוגע בריוו, מיט וועלכע ער האָט אונדז געהיילט,
געשריבן, אַז ער שיקט־אַרויס דעם פידל אין די הויפן
און גייט אים נאָך, און העלפט אים שפּילן לידער און פאַרקויפן,
נאָר פאַר די פריילעכקייטן זײַנע און געזאַנג פון נויט
מע צאָלט אים דאָרטן מער מיט טרערן, ווי מע צאָלט מיט ברויט.

פון דעמאָלט אָן אין אַלע געסלעך האָבן טאָג ווי נאַכט
פון אונדז מיט פולע זשמעניעס חוזק אומעטום געלאַכט,
געטענצלט לאַפּיטוטן קליינע און מיט אונדז גערייצט זיך,
אויף פידעלעך מכלומרשטע געפידלט און געפרייט זיך,
און ווען, פאַרמאַטערט, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די הענט,
מיר האָבן גוטע חדר־ייִנגלעך צווישן זיי דערקענט.

ג

אַט די און אַנדערע בזיונות האָבן מיר געוואָלט
דער מאָרגנשטערן זאָל פאַרהיילן מיט זײַן ווײַסן גאָלד,
זאָל צווישן בייזקייט אונדז דערפרייען מיט אַ גוטער מינע
און טרייסטן ווײנענדיקע הערצער מיט זיין ליכטס נגינה —
אַז קענען זאָלן מיר מיט ווערטער נישט נאָר זינגען שיין,
נאָר קענען אויך, ווי איצט מיט טרערן, וויינען אַ געוויין.

אוודאי, אין דער זעג פון צײַט געווען אויך זײַנען ציין,
וואָס האָבן מיט געלעכטער אונדז פאַרגיטיקט פאַר געוויין,
אַ שטייגער ווען דער ברודער איז אין יענער צײַט דער שווערער
געוואָרן אין דער שטאָט דער סאַמע נאָכגעפרעגטסטער לערער...
איז לחם טאַקע שוין געווען, געוויינט האָט אָבער אַלץ
דאָס האַרץ פון דער משפחה און געטרונקען זיך אין זאַלץ.

„און וויינען, משה, וועלן מיר נאָך האָבן לאַנג פאַר וואָס,
„ווײַל צום געלעכטער איז נאָך ווײַט און נישט פאַרפולט די מאָס.
„מיר טאָרן אָבער קיינעם דאָ נישט לאָזן זען די טרערן!
„איז אײַל זיך, ברודער, לאָמיר גיין אַנטקעגן מאָרגנשטערן!...”
די אומגעדולד האָט טיף און היים אין ברודערס האַרץ געגרעדט,
און מיט דער גרינגשאַפט פון אַ האָז בין איך אַראָפּ פון בעט.

די צווייטע אשמורה: דער טײַך פון ליכטיקייט *

דאָס ווע‏לדל

דער טײַך פון ליכטיקייט אין הימל האָט פון ברעג צו ברעג
געשפּריצט מיט ווײַסן פייער און באַלויכטן אונדז דעם וועג
צום מזרח, דורך דער הינטערגאַס, וואָס האָט אין שלאָף אַפילו
איר נאָמען — וועלדל — נאָך אַנאַנד געשעפּטשעט ווי אַ תּפילה,
ווײַל ס'האָט דער נאָמען צוגעגעבן חשיבות איר און גלאַנץ
ווי אַ געמיינעם שלח־מנות גיט־צו אַ מאַראַנץ.

נאָר אויב אַ וועלדל איז די גאַס אין נאָמען נאָר געווען,
כאָטש דאָ און דאָרט, מער דאָרט ווי דאָ, מע האָט אַ בוים געזען,
און גאָרטנס קליינע לעבן שטיבער נידעריק און אָרעם,
געווען איז זי, אין אונדזער צייט, אַ... וועלדל פון חדרים,
וווּ קליינע ייִדעלעך געגעסן האָבן אלף־בית מיט ברויט
און דאָרטן גרויסע תּורה־טורעמס דורות־לאַנג געבויט.

---

* נהר די נור — דער מילכוועג, (חגיגה יג)

ר׳ נאָטקעלע מלמד

א יִדעלע אַ קליינס, ווי מיר, נאָר מיט אַ ווײַסער באָרד,
וואָס כ׳האָב בײַ אים, צום ערשטן מאָל, דערוווּסט זיך, אַז געפּאָרט
מיט לײַדן איז דער זיסער טעם פון תּורה און פון וויסן,
געווען איז נאָטקעלע מלמד ; ער האָט מיך נישט געשמיסן ;
פאַרקערט, האָט מיר געגעבן גאָר אַ קניפּ אין בעקל אָפּט,
און קיין מאָל מיטן מויל אַפילו, דאַכט זיך, נישט געשטראָפּט.

געבליבן איז ער מיר אויף שטענדיק אין זכּרון דאָך,
ווײַל מײַנע פינגער שפּירן נאָך, בײַ זיבעציק, דעם שטאָך
פון טײַטל זײַנעם, וואָס האָט זיי געטריבן אין דער נידער,
ווען נישט דערקענט אַ מאָל זיי האָבן אותיות אין סידור...
געדענקען טו איך אים, דער עיקר, אָבער נישט פאַר לייד,
ווײַל וואָס פאַראַ באַטרעף האָט דאָס אַנטקעגן יענער פרייד —

ווען אות האָט זיך בײַ מיר אין מויל מיט אות צונויפגעטראָפּט,
געוואָרן וואָרט, און וואָרט-נאָך-וואָרט, וואָס האָבן מיך פאַרגאַפּט,
געגעבן מיר צום ערשטן מאָל פאַרזוכן אויפן גומען
דעם מאַנדל-טעם פון וואָרט, וואָס האָט אַזוי מיך דורכגענומען,
אַז כ׳האָב געוויינט מיט טרערן און... פון טײַטל שוין געלאַכט,
און מיט אַ טרער האָב איך אַ וואָרט אין סידור גרויס געמאַכט...

ר׳ משה מלמד

דורך יענעם גרויסן וואָרט בין איך אין חומש-לאַנד אַרײַן,
ווו מײַן מלמד משה האָט געפירט מיך מיט זײַן שײַן
אויף וועגן פינף, ווו אין אַ יאָר ס׳איז אויפגעדעקט געוואָרן
דער אָנהייב פון דער וועלט און ווו עס וואָרצלט דער זכרון
פון פיל וואָס איז מיט אונדזער פאָלק געשען אין לאַנגן וועג
און וואָס עס וועט מיט אונדז געשען בײַם סוף פון אַלע טעג.*

און אויב דערוויסן זיך דעם סוד וואָלט מיר געווען באַשערט,
וואָלט איך געוואָלט אים הערן, ווי איך האָב אַ מאָל געהערט
מײַן חומש-רבין משה, וואָס געווען זײַן עמוד אש איז —
זײַן ווארעם, ריטמיש קול, וואָס האָט געפירט אונדז פון בראשית
דורך ים און מדבר און דורך ציַיט, דורך טײַך און באַרג און טאָל,
און מיט זיין זיסן ניגון אונדז דערפירט צום לאַנד ישראל.

---

* ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואַגידה לכם
את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט, א)

ר׳ אהרן גלעזער

ר׳ אהרן גלעזער איז געווען מײַן רבי נומער 3.
בײַ אים בין איך דעם ירדן־טײַך אַריבער פון דאָס נײַ
מיט יהושעס העלדישע און אײַליקע חיילות,
און זייער זיג האָט מיר פאַרזיסט די ביטערניש פון גלות,
וואָס כ׳האָב זײַן עול שוין אָנגעהויבן ביסלעכווײַז פאַרשטיין,
כאָטש כ׳האָב נאָך דעמאָלט צו בר־מצווה לאַנג געהאַט צו גיין.

און דאָס מסתמא איז געווען די סיבה אויך פאַר וואָס
אין טונקעלען, ענגען חדר פון ר׳ אהרנס קעסטלעך גלאָז
געלאָפן בין איך, פונקט ווי אַלע, נישט נאָר לערנען תּורה,
נאָר זוכן אַ באַהעלטעניש, אַ שוצאָרט קעגן מורא,
ווײַל מ׳האָט גערעדט אין שטעטל, אַז מײַן רבי איז, פאַרוואָר,
לפנים נאָר אַ גלעזער און... אַ למד־וואָווניק גאָר.

ר׳ הערשל דעמידעווקער

א רבי, וואָס האָט, פּונקט ווי מיר, אַ פּריילעכער געשטיפּט,
ווען ער האָט אונדז אין ים־התּלמוד שׂכלדיק געשיפּט,
איז הערשל פון דעמידעווקע געווען און אויך פאַרבליבן [4]
ווי דער, וואָס האָט ביי מיר אין האַרץ אַ נייעם זאָג פאַרשריבן:
אַז לערנען מוז נישט דווקא שטענדיק זיין געפּאָרט מיט לייד —
„דער זיסער טעם פון תּורה קען פון שפּיל אויך זיין באַגלייט."

ר׳ הערשל האָט ביי מיר אין האַרץ אויך נאָך אַ זאָג פאַרקריצט,
וואָס שמייכלט אין די שורות מיינע נאָך אַפילו איצט:
„רעדט נישט קינדער אַזוי פיל!" האָט ער אונדז אָפט געוואָרנט,
„פאַרשווענדט נישט אייער ווערטער־אוצר יונגערהייט, פון פאָרנט!
„ווייל איטלעכן ביים אָנהייב גיט מען ווערטער כּך וכך,
„און רעדט מען אָפּ זיי יונגערהייט, פאַרבלייבט מען
אָן אַ שפּראַך!...

„ס׳הייסט רעדן קען מען, נאָר קיין ווערטער האָט מען,
נעבעך, נישט!"
ר׳ הערשל האָט פון מויל אַ לאַך בגנבה אָפּגעווישט.
נאָר זעענדיק, ווי אונדזער פּנים ווערט מיט זאָרג פאַרצויגן,
האָט ער אַריינגעקוקט אונדז טיפער, טיפער אין די אויגן
און אונדז געטרייסט, אַז „דאָס האָט נאָר... מיט דברי חול צו טאָן!
„מיט דברי־תּורה אָבער, קינדער, קער זיך דאָס נישט אָן!"

[4] דעמידעווקע — אַ שטעטל אין וואָלין.

די „שרײַבערס"

און איצטער איידער כ'קום לסוף צום רבין, וואָס האָט מיר
צום ערשטן מאָל געעפֿנט צו דער שירה־וועלט די טיר,
צום לערער וואָס גערופֿן האָט מען מורה — לויט דער מאָדע —
איך מוז די „שרײַבערס" מלינאָווער נאָך זינגען דאָ אַן אָדע:
ר' מענדלען און ר' אלתּרן, זיין פֿרײַנד און קאָנקורענט,
וואָס ביידע האָבן זיי מיט כּתב... באַפֿליגלט אונדז די הענט.

ווי שיין זיי האָבן אויסגעצוקט די ד' פֿון אַ „דען",*
געדריידלט זי, געוויקלט און געטענצלט מיט דער פּען,
געוויזן, ווי אַזוי זי קען זיך גליטשן און שפּאַצירן,
און אותיות, ווי שעפּסעלעך, אויף גלײַכע שורות פֿירן,
אַז שיין זאָל זײַן די מראה פֿון געדאַנקען אין אַ בריוו,
ווי שיין און דרך־ארצדיק זיי זײַנען אין דער טיף.

זאָל זײַן געבענטשט דער נאָמען פֿון די מײַסטער־הענט פֿון כּתב,
וואָס שטאָלץ געטראָגן האָבן זיי דעם טיטל קאַליגראַף,
ווייל גראַפֿן זײַנען זיי געווען — ר' מענדל און ר' אלתּר —
די דלות־לײַט וואָס האָבן מיט פֿאַרגינערשאַפֿט צעשטראַלטער
די שרײַבקונסט ניִשט באַהאַלטן — ווי בן־קמצר
האָט זיין פֿאַך —**
אַז קענען שרײַבן בריוועלעך זאָל אונדז די מאַמע־שפּראַך.

* „דען" איז לויטן נוסח פֿון בריוונשטעלער, ביז מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, געווען דאָס ערשטע וואָרט אין דער דאַטע פֿון אַ בריוו.
** בן־קמצר איז געווען אַ קינסטלער אַ שרייבער, וואָס האָט געקענט האַלטן פֿיר פֿעדערן צווישן די פֿינף פֿינגער פֿון זײַן האַנט און אָנשרײַבן אַ וואָרט פֿון פֿיר אותיות אויף אַ מאָל. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט אויסלערנען זײַן פֿאַך, וואָס איז אָפּגעשטאָרבן אין איינעם מיט אים (יומא לח).

מאַטל טשיזשיק

מיט נײַע ווערטער, וואָס געקלונגען האָבן ווי געזאַנג,
און האָבן יונגע הערצער באַלד גענומען אין געפאַנג,
ווי דעם, וואָס הערט צום ערשטן מאָל אַ וווּנדערלעכן סיפור,
געקומען איז אַ לערער מיטן נאָמען פון אַ ציפור —
דער מורה מאָטל טשיזשיק, וואָס געבראַכט האָט פון דער ווײַט
צו אונדז אין קליינעם שטעטעלע די נײַע גרויסע צײַט.

„התקוה", ד"ר הערצל, „ציוניזם" און „קאָנגרעס"
פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב מיט אַ גרויסער ט,
די טעג אין מאָטל טשיזשיקס בית־הספר. ווי געוואָרן
מיר זײַנען עלטער יעדן טאָג — חדשים, אפשר יאָרן,
וואָס־מער פון די געשיכטע־ביכער און פון נביאס רייד *
די אומגעדולד פון דורות האָט גערופן אונדז: „זייט גרייט!"

וווּנדער־סוחרים און טשודאַקעס

כאָטש פון דער באַן געלעגן איז דאָס שטעטל היפּשלעך ווײַט,
עס פלעגן פון דער גרויסער וועלט צו אונדז פון צײַט צו צײַט,
מיט וווּנדערזאַכן זיך דערשלאָגן וווּנדער־וואָיאַזשאָרן:
אַ קעסטעלע, למשל, מיט אַ... זינגענדיקן האָרן...
און פאַר אַ קאָפּיקע אַ קוק געוויזן אַ שפּאַקטיוו
האָט דרייפוסן... און אויפן ים אַ זינקענדיקע שיף.

---

* קומי אורי כי בא אורך (ישעיה ס, א): ושבו בנים לגבולם (ירמיהו לא, טז)

אַ חוץ די וווּנדער־סוחרים האָבן פון דער ווײַטער וועלט
צו אונדז אַ מאָל פאַרבלאָנדזשעט אויך טשודאַקעס, וואָס קיין געלט
פאַרדינען זײַנען זיי בײַ אונדז, חלילה, נישט געקומען...
„איך מיין בלויז אײַער טובה,״ האָט זיך מיט אַ קול אַ פרומען
אַ יונגערמאַן געקאָכט אין אַ וויכּוח, וואָס געפירט
האָט ער מיט אונדזער מורה און אים שאַרף געקריטיקירט —

פאַר וואָס ער טוט, לויט זײַנע רייד, „באַגײַין אַ גרויסן חטא״,
ווען ער פאַרטײַטשט נאָך אַלץ „וידבר — און ער האָט גערעדט״,
אויף דעם „צוויי־גאַרנדיקן לשון״ פון דעם אַלטן חדר....
דער מורה האָט דעם יונגנמאַן מיט די געפּרעסטע קליידער
און אויסגעפּרעסטע גלאַטע רייד, באַדויערלעך באַטראַכט,
געלאָזט אים רעדן און, אין זיך, באַצײַטנס שוין געלאַכט.

„ייִדיש און העברעיִש״, האָט געזאָגט דער יונגערמאַן,
„געגליכן זײַנען זיי צו רעלסן פון אַן אײַזנבאַן:
„זיי לויפן זײַט־בײַ זײַט און קענען דאָך קיין בונד נישט מאַכן...״
„גערעכט!״ האָט אים געזאָגט דער מורה און גענומען לאַכן:
„ווי רעלסן, מוזן טאַקעביידע שטענדיק גיין אַליין!
„נאָר פונקט דערפאַר אויך טאָרן זיי זיך קיין מאָל נישט צעגיין!״

איצי יודה־לייבס

ביים מורה מאָטל טשיזשיקס טיש געזעסן זענען מיר,
געבענקט און, ציון, טיף אין האַרץ געבויט דיך מיט אַ שיר,
און איינער צווישן די, אַן ערך, צוויי מנינים בויער,
וואָס אויף זיין פּנים זיך געראַנגלט האָבן פרייד און טרויער,
געוועזן איז איצי יודה־לייבס, מיין בעסטער חבר ז״ל *
דער עדות פון מיין יוגנט וואָס... איז מער נישטאָ, חבל!

וואָס־מער עס האָבן צייט און וויט אונדז אָפּגעטיילט, צעשיידט,
און זינט אין האַרץ און אויף זיין פּנים האָט געזיגט די פרייד,
איך הער אַ קול: „ווו ביסטו? ווו?״ ער רופט מיך מיט
פאַרוווּנדער
און מאָנט אַן ענטפער העכער פון אַ האַלבן שוין יאָרהונדערט:
„ווו ביסטו, חבר?״ הער איך, פרעגט ער, ענטפער איך אים:
„וויים!
„איך בין דיין שכן!... מיין מסדה איז דער אלף־בית!״

* דער משורר יצחק למדן, מחבר פון דער פּאָעמע „מסדה״, געבוירן אין מליגאָוו אין יאָר 1900, געשטאָרבן איז תל־אביב אין יאָר 1954.

אַנדריי גראָכאָלסקי

אין „טײַך פון ליכטיקייט“ געווען איז אויך אַ שמאָלער פּאַס —
די שקאָלע וווּ מיר אויפגעדעקט אין זײַן געבענטשטן קלאַס
דער נאָבעלער אַנדריי גראָכאָלסקי * האָט אַ וועלט מיט וועלטן,
די שיינקייטן פון יפתן ** אין יפתעס געצעלטן,
נאָר צווישן זיי, עד־היום נאָך, פאַרנעמט דאָס שענסטע אָרט
מײַן לערערס סוד, אַז ס׳איז אַ סוד פאַרשטעקט אין יעדן וואָרט.

אַז ווערטער האָבן וואָרצלען, ווי געוויקסן אין דער ערד,
אַז ס׳איז דער זעלבער גורל ווי דעם מענטשן זיי באַשערט,
און אַז די שפּראַכן פון דער מענטשהײַט זײַנען אַלע שוועסטער,
האָט צווישן שונאים אויפגעדעקט מיט ליבשאַפט מיר
דער נעסטאָר,
און ווײַל, „רעב מוישע“ מיך גערופן האָט ער צווישן זיי,
פאַרנייג איך זיך פאַר אים און זאָג: „ספּאַסיבאָ,*** רעב אַנדריי!“...

אַ דאַנק

און אַלע מײַנע לערער — פון פרימאָרגן ביז פאַר נאַכט —
וואָס האָבן טיר און טויער צו דער וועלט מיר אויפגעמאַכט
און מיטגעגעבן מיר אין וועג די סטרונעס פאַר מײַן לירע,
ווען איך האָב זיך געלאָזן גיין אין פרדס פון דער שירה —
איך דאַנק פאַר אַלץ, וואָס כ׳האָב בײַ אײַך געלערנט, ווי אַ קינד,
און אויך פאַר דעם, פאַרוואָר, אויך וואָס איך לערן נאָך אַצינד!

---

* דער אוקראַאינער אַנדריי גראָכאָלסקי איז געווען מײַן לערער אין דער רוסישער רעגירונגס־שול אין מלינאָוו.

* * יפיפותו של יפת (מגילה ט)

* * * „ספּאַסיבאָ“ — אַ דאַנק (אויף רוסיש).

די דריטע אשמורה: מפני מה — פאַר וואָס?

בײַם ציון

בײַם סוף פון וועלדל פון צוריק מיט העכער פופציק יאָר,
וואָס האָט שוין איצטער אויך אויף זיך די אָנגעטרוימטע וואָר,
וואָס דער זכּרון האָט אויף דעם מיט בענקשאַפט אָנגעמאָלן,
מיר האָבן זיך פאַרנומען רעכטס און מיט אַ וועג אַ שמאָלן
דערגאַנגען זײַנען מיר צום ציון און זיך אָפּגעשטעלט
בײַם טויער פון ר׳ אַהרעלע קאַרלינער* ז״לם געצעלט.

דער ניגון

„וואָס טוט מען איצטער?" האָבן מיר געטראַכט און זיך געפרעגט,
נאָר קוקנדיק צוריק צום שטעטל דורכן שמאָלן וועג,
מיר האָבן דאָרט דערזען אַזוינס, וואָס אפשר איז געווען עס
אַן אָפּדאַכט בלויז פון עפּעס, וואָס ערשט לאַנג דערנאָך געשען איז:
געגאַנגען איז אַ מחנה און אַרײַנגעווײנט אין חצות
דעם סטאָלינער־קאַרלינער ניגון „מפּני מה — פאַר וואָס?"**

---

* ר׳ קאַרלינער ז״ל (ר׳ אהרן דער צווייטער) איז נפטר געוואָרן אין מלינאָוו, וואָלין, י״ז סיוון תרל״ב (1872).
** דער ניגון, וואָס איז געוואָרן דער לייט־מאָטיוו פון אַנסקיס „דיבוק" אין דער אויפפירונג פון „הבימה".

ר׳ הערש־לייבעלע

וואָס מער עס האָט די מחנה זיך דערנענטערט, האָבן מיר
חסידים אַנדערע דערקענט און האַרט שוין ביי דער טיר
פון אוהל, וואָס געווען איז אָפן און זיי איינגעשלונגען,
עס איז אויך ר׳ הערש־לייבעלע* אַהין אַריינגעשפּרונגען,
און באַלד דערנאָך עס האָט די טיר פון אוהל זיך פאַרמאַכט,
און ווידער זייגען מיר אַליין געבליבן אין דער נאַכט.

דער אוהל פליט אַוועק

פון אוהל זיך אַרויסגעטראָגן האָט אַ זאָגעניש,
וואָס האָט זיך אויסגעמישט — ווי ס׳האָט זיך
מיט דער טאָגעניש —
דער פלאַם פון אוהל מיטן ליכט פון הימלדיקן שפּיגל,
ביז ס׳האָבן אים אַרומגענומען פייערדיקע פליגל,
אים אויפגעהויבן פון דער ערד, און מיטן גאַנצן פעלד
אַזוי אַרויפגעפלויגן אויף דער אמתדיקער וועלט.

---

* ר׳ הערש־לייבעלע פלעגט יעדן יאָר קומען קיין מלינאָוו צום יאָרצייט פון ר׳ אהרעלע קאַרלינער ז״ל און האָט זיך אַ גאַנצע וואָך מתעסק געווען מיט צוגרייטן די הילולא. ער איז געווען אַ גוטמוטיק ייִדעלע און געמאַכט אַ טשיקאַווע איינדרוק מיט זיין הלבשה — שוואַרצע קורצע הויזן, לאַנגע ווייסע זאָקן און אַ העלבלויע קאַפּאָטע אין אַ ספּאָדיקל — און האָט אויסגעזען ווי אַ קיניגל פון אַן אויסטערלישן שבט.

דער טרערן־מבול

דערוויילע זיך גענומען לעשן האָט דער „טײַך פון ליכט",
מיט שוואַרצן אָנגעקליידט געוואָרן זײַנען אומגעריכט
דער הימל און די ערד... און ערד האָט אָנגעהויבן ברומען,
ווען ס'איז אַ פּליוכערײַ פון הימל גיך אַראָפּגעקומען,
ווי ס'וואָלט דער הימל אָפּגעגעבן צו דער ערד צוריק
דעם דורות־לאַנגן „טײַך פון טרערן" אין אַן אויגנבליק.

דער ברודער פאַרשווינדט

„ווּ ביסטו, שמואל?" האָב איך הויך געגעבן אַ געשריי,
ווען נאָכן טרערן־מבול כ'האָב דערהערט דעם ערשטן קריי
פון האָן, וואָס האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז ס'איז די נאַכט אַריבער,
און אַז געקומען איז די צײַט צו ענדיקן דעם חיבור,
נאָר ס'איז דער ברודער מער שוין נישט געווען בײַ מײַן זײַט,
ווי אויסגעכאַפּט עס וואָלטן אים, חלילה, יענע לײַט.

דער ברודער קומט צוריק

„ווּ ביסטו, ברודער?“ האָב איך רופן אַלץ נישט אויפגעהערט,
צום הימל דאָס געשריגן און געטענהט צו דער ערד,
„ווּ איז ער?... באַלד קאָן ווערן שפּעט!“ נישט אויפגעהערט
צו קלאָגן,
ביז טיף אין האַרץ האָב איך דערהערט דעם מאָרגנשטערן זאָגן:
„נישט זאָרג! וויַיל איידער אים פאַרנאַרט עס האָט די פאַלשע שיַין,
„דער הרף־עין שמייכל איז אין האַרצן אים אַריַין!“

אין דעם אין הימל זיך באַוויזן האָט אַ רויט געזיכט,
דאָס האָט, וויַיזט אויס, דער נייַער טאָג פאַרזוכט דאָס פרישע ליכט
וואָס איז געווען נאָך אויסגעמישט מיט שאַרפן וויַין פון שטערן,
און באַלד האָב איך דערפילט אַ האַנט, וואָס ווישט מיר אויס
די טרערן
פון בענקשאַפט נאָכן ברודער, וואָס איך האָב געוויינט, פאַרוואָר,
אויך שפּעטער ווען עס האָבן אונדז צעשיידט אַזוי פיל יאָר.

אַני שלמה!

„און איצטער לאָמיר גיין אַהיים!" דער ברודער האָט געזאָגט.
און ווען דער הימל האָט נאָך אַלץ געליכטיקט און געטאָגט,
אַרויס פון וועלדל זײַנען מיר און גראָד פאַרבײַגעגאַנגען
דעם טריסקער בית־המדרש * ווען נאָך איבער אים געהאַנגען
אַן איבערבלייב פון נאַכט איז — כ'האָב דעם בנין קוים דערקענט,
לגמרי אָבער נישט די קלאָג פון זײַנע דיקע ווענט:

„איך האָב אַ מאָל אַ פּאָרכטיקער דאָ אויסגעטאָן די שיך,
„ווען ס'האָט באַוויזן זיך צו מיר און אויסגעקליבן מיך
„דער ברענענדיקער סנה, וואָס האָט אין האַרץ מיר אָנגעצונדן
„דעם דאָרשט נאָך שירה און האָט מיר אויך פליגל צוגעבונדן,
„געמאַכט מיך פאַר אַ מלאך און געשיקט מיך אויף דער וועלט,
„נאָר האָט מיר די באַגערן, ווי אַ מלאכס, נישט פאַרשמעלט.

„אַ נס נאָך ממש, וואָס איך בין פון היכל נישט אַרויס,
„געטראָגן אים אויף זיך, להבדיל, ווי עס טראָגט איר הויז
„אַ טשערעפּאַכע... האָט דער היכל, טאַקע ווי אַ שאַרבן,
דערהאַלטן מיך בײַם לעבן נאָר — געלאָזט מײַן זינגער שטאַרבן...
„אַ פרעמדער בין איך! קיינער קען מיך מערער נישט דאָ־הי!
„שריי איך, יאָסעלע און גאָלדע... ** שלמהלע אַני!"

* אין טריסקער בית־המדרש, דער גרעסטער אין שטעטל, האָט ד"ר שלמה מאַנדל־קערן, דער העברעיִשער משורר און מחבר פון דער תנ"ך־קאָנקאָרדאַנץ „היכל הקודש", פאַרבראַכט אַ גרויסן טייל פון די ערשטע 16 יאָר פון זײַן לעבן. מאַנדלקערן איז געבוירן געוואָרן אין מלינאָוו אין יאָר 1846, און איז געשטאָרבן אין ווין אין יאָר 1902.

** יאָסעלע און גאָלדע — מאַנדלקערנס אַ ברודער און אַ שוועסטער.

דעם טאַטנס פידל

וואָס-מער געליכטמיקט האָט דאָס פּנים פון דעם נײַעם טאָג,
אַלץ בלאַסער איז געוואָרן שלמה מאַנדלקערנס קלאָג.
נאָר פּלוצעם האָבן מיר דערהערט דעם טאַטנס פידל שפּילן
דעם דיאַלאָג פון אונדזערע באַהאַלטענע געפילן
און אויך דעם פידל-פּירוש, וואָס דער טאַטע האָט געמאַכט
אַרום דער דראַמע וואָס געשען מיט אונדז איז יענע נאַכט.

די שׂריפה

אַזוי-אַ רעדנדיק אָן ווערטער, האָבן מיר געשפּאַנט
ביז אויפן שוועל פון אונדזער געסל האָט אַ גוטע האַנט
אונדז אָנגענומעןביידע און געפירט אַ ביסל ווײַטער
און דאָרטן אונדז געוויזן אַז געפלאַקערט ווי אַ שײַטער
האָט אונדזער היים בעת עס זײַנען פון דעם אַלטן הויז
די מאַמע מיטן שוועסטערל און לאָשיקל אַרויס.*

* דאָס מיטאָלאָגישע פֿערדעלע, סימבאָל פון די קינדער-יאָרן.
זע פּאָעמע „דאָס פּיסטערן לאָשיקל" אין מײַן בוך „חלום עליכם", 1958.

דער טורעם אויף גרענד סטריט

מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי און באַלד דעריאָגט,
ווײַל אונטער אונדז געשפּרונגען איז דער וועג און זיך געיאָגט,
און איבער הויכע ימים האָט געטראָגן אונדז אַ שטורעם
ביז אָנגעקומען זײַנען מיר אויף גרענד סטריט * אין אַ טורעם,
ווו ווידער איינס געוואָרן זײַנען אַלע אויף אַ צײַט,
כאָטש איטלעכער אַוועק דערנאָך איז אין אַן אַנדער זײַט.

28 אויגוסט 1967 — 21 פעברואַר 1968

---

* 474 גרענד סטריט, מאַנהעטן, איז געווען דער ערשטער אַדרעס פון אונדזער משפּחה אין ניו־יאָרק, דעם 3טן דעצעמבער 1913.

מיט פלי פון אַ ליד

פונקט ווי דער זינגער — מיט לירישע קלאַנגען,
דער מאָלער — מיט פאַרבן אויף לײַוונט געפאַנגען,
דער טענצער — מיט טאַקטן און איידעלע טריט,
איך וויל דאָ אַצינדער — מיט פלי פון אַ ליד
פון פשוטע ווערטער, ווי ליכט פון באַגינען —
צו אײַערע הערצער אַ שליסל געפינען.

שטיי איך און טראַכט און איך זוך אין זכרון
אַ רגע פון אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן
און אָנצינדן וויל איך אין איר אַזאַ פלאַם,
וואָס זאָל אונדז באַלײַכטן דעם וועג אויפן ים
און ברענגען אַ טרייסט, ווי דאָס אויג פון אַ טורעם
צינדט־אָן בײַ אַ שיף אין די נעגל פון שטורעם.

יעדער פון אונדז האָט אַ רגע אין לעבן,
וואָס ווערט אונדז פון העכערן חסד געגעבן
צו העלפן פאַרטראָגן די ביטערע גאָב,
ווען אַלץ פאַלט בײַ אים מיט דער פוטער אַראָפּ,
זײַן האַרץ ווערט אין שטויב אָן רחמנות געטראָטן,
אַז גאָט זאָל געווינען זײַן קאַמף מיטן שׂטן.

איינציק ביַי יעדן איז זי און פֿאַרשיידן,
און טוט זיך אין אַנדערע ווערטער פֿאַרקליידן,
די ליכטיקע רגע פֿון היילונג און טרייסט,
און ווער עס דערקענט זי, דערפֿילט שוין און ווייסט
דעם פֿינגער פֿון גאָט און דעם ליכטיקן ציטער,
וואָס נעמט אים אַרום אין דער שעה פֿון געוויטער.

רוף איך דעריבער צו איַיך און איך בעט איַיך,
פֿאַרקלענערן העלפֿט מיר אַצינדער דעם שטח
פֿון וויַיטקייט, וואָס שיידט איַיך פֿאַנאַנדער פֿון מיר.
אַריַינקוקן לאָמיר אַצינד דורך דער טיר
פֿון אונדזערע טיפֿע פֿאַרבאָרגענע קוואַלן,
און באַלד וועט פֿאַר איַיך דאָ מיַין ליד זיך צעשטראַלן.

אָט איז עס, איר זעט, ווי עס שוועבט מיט די פֿליגל
און פֿליט ווי אַ חלום אַרום אין אַ שפּיגל.
און דאָס איז די ליבסטע פֿאַרהאָפֿטע מינוט,
וואָס שווימט ביַי דעם דיכטער אַרום אין זיַין בלוט —
מיט פּשוטע ווערטער, ווי ליכט פֿון באַגינען,
צו אייערע הערצער אַ שליסל געפֿינען.

יאַנואַר 1959

דער סוד

אַ מעשׂה אַ נײַע,
דערציילט באריכות,
וואָס שטאָפּלט צום גראָם
פון איר כּעלעמער יחוס.

פּאָרשפּיל:

דער מאָדנער פֿאַרלאַנג

די מעשׂה, וואָס איך האָב באַטיטלט „דער סוד",
געשען איז אַמאָליקע יאָרן אין בראָד,
די שטאָט ווי געוווּסט האָט אַ קינד אין אַ וויגל
דעם סוד... אַז אַ סוד ווערט געבוירן מיט פֿליגל
און אויך מיט אַ מויל, וואָס איז אָפֿן און רעדט,
ווײַל קיינער האָט דאָרטן נישט ליב קיין סעקרעט.

האָט יעדער דאָס טאַקע פֿאַרשטאַנען, געוווּסט,
נאָר איין מאָל האָט איינעם זיך דאָרטן פֿאַרגלוסט
אַ סוד אַ פּריוואַטער... פֿאַר וואָס? וועט איר הערן,
ווען ס׳וועט זיך די מעשׂה פֿאַרטיפֿן, פֿאַרקלערן,
צעשפּילן, דערציילן מיט בילד און געזאַנג
וווּהין ס׳האָט דערפֿירט אים דער מאָדנער פֿאַרלאַנג.

ערשטער שטאַפּל:

דער קלוגער פּאַרשוין

איר קוקט אויף מיר, זע איך, מיט אויגן פון שפּאָט
און פרעגט מיך: ווי קומט אַזאַ איינער קיין בראָד?
איז גיב איך איַיך צו, אַז ס׳איז טאַקע אַ ווונדער,
אַ ווונדער אַפילו פאַר אונדזער יאָרהונדערט,
וואָס שוויבלט מיט חכמה און ווונדער געגנוג!...
געוועזן אָבער איז מײַן פּאַרשוין אַזוי קלוג

און תּמיד אַ שׂכל אַ שאַרפן דערזען,
ווײַל ער איז קיין תּושב פון בראָד נישט געווען.
געקומען אַהין איז דער ייִד גאָר פון כעלעם,
ווו ס׳האָבן געגעבן אַ שטרענגן באַפעל אים
דער רב און די אַנדערע פּני פון דער שטאָט —
צו ברענגען אַהיים אַ פאַרשוווּנדענעם סוד.

צווייטער שטאַפּל:

דער פּלאַן

געשען אָבער איז, ווען ער האָט אים דערוווישט,
ער איז שוין געווען —נישט קיין סוד, נאָר אַ נישט,
צעפלויגן, צעטראָגן און שטאַרק אָפּגעריבן...
דער ייִד איז דעריבער אין בראָד שוין געבליבן,
ווײַל דאָרטן, געטראַכט האָט ער, מוז ער און וועט
געפינען פאַר כעלעם אַ נײַעם סעקרעט.

נאָר ווען ס'איז אַריבער אַ וואָך נאָך אַ וואָך
און וויפל ער האָט נישט געזוכט, האָט ער דאָך
קיין לײַטישן סוד נישט געהערט אויפן אויער
אין שול צי, להבדיל, אין מאַרק ביי דעם טויער,
האָט ער, נאָך אַ לאַנגער און שלאָפלאָזער נאַכט,
אַן אייגענעם סוד צו באַשאַפן פאַרטראַכט.

דריטער שטאַפּל:

ווי מאַכט מען אַ סוד

דער דאָזיקער פּלאַן האָט דעם כעלעמער העלד
פאַר נײַע און שווערע פּראָבלעמען געשטעלט:
ערשטנס, דער סוד זאָל געפעלן דעם עולם,
דעם כעלעמער רב און די אַנדערע גדולים,
און טאַקע אויך צוגעפּאַסט זײַן צו דער שטאָט,
צום גײַסט פון איר שול און להבדיל, איר באָד.

דערצו האָט די הויט אויף אים, נעבעך, געברענט,
עס זאָלן די בראָדער באַ'אויער'טע ווענט,*
וואָס וועלן זײַן ערשטן געמורמל דערהערן,
דעם סוד נישט צעפּויקן, חלילה, צעשטערן.
און נאָך אַ פּראָבלעם: ווי פאַרהילט מען דעם מיין,
אַז בראָד זאָל דעם עיקר פון סוד נישט פאַרשטיין?

---

* ווענט האָבן אויערן: אזנים לכותל (ויקרא רבה, לב, ב)

דאָס האַרבסטע פון אַלץ איז געווען אָבער דאָס:
ווי מאַכט מען אַ סוד, ווי אַזוי און פון וואָס?...
דאָס האָט אים זיין לומדישן שׂכל פאַרפויערט,
דעם וועג צו חריפות אַזוי לאַנג פאַרטויערט,
אַז ער האָט כּמעט זיך מייאש געווען...
נאָר פלוצעם ער האָט אויף זײַן טישל דערזען

אַ ליידיקן כּוס, וואָס האָט ווילד זיך צעשפּילט,
ווי ער וואָלט מיט משקה געווען אָנגעפילט,
און אויפגעוועקט האָט דאָס בײַ אים אין זכּרון
דעם זאָג פון אַ חכם אַמאָליקע יאָרן,
וואָס האָט זיך צעשושקעט, צעמורמלט אין הויז:
דער ווײַן גייט אַרײַן און דער סוד קומט אַרויס*

פערטער שטאַפּל:

גייט אַ ייִד אין שענק אַרײַן

ווען ער האָט די פּשוטע עצה דערהערט,
האָט ער זיך געמוסרט, אַז ער איז אַ פערד,
וואָס ער האָט אומזיסט אַזוי לאַנג זיך געמאַטערט,
אומנישט אויף דעם טײַערע וואָכן געפּטרט.
געטרייסט האָט אים אָבער, געגעבן אַ טראָג
דער קנייטש פון דעם טײַערן טײַטש פון דעם זאָג.

* נכנס יין יצא סוד (ערובין סה)

מיט אַט דעם געדאַנק און געהויבענע טריט
אַרײַן אין אַ שענק איז דער כעלעמער ייִד,
געזעצט זיך אַליין ביי אַ טישל אַ קליינעם,
מיט זײַטיקע בליקן באַטראַכט זײַנע שכנים,
געזאָגט צו דעם קעלנער גרויסשטאָטיש און פֿײַן:
„אַ פלאַש רויטן, ביטע, אַ פלאַש רויטן ווײַן!"

פינפטער שטאָפל:

לחיים

צוויי פיפיקע יונגען, געניט און געביפט,
וואָס האָבן געזען ווי דער ייִד זיצט פאַרטיפט
און זופט אַ גלאָז ווײַן מיט כוונה פאַרקלערטער
און מורמלט דערבײַ אומפאַרשטענדלעכע ווערטער,
איז קשה געוואָרן: ווער איז ער, דער יאָלד?
און ס'האָט זיך זיי שפּאַסן אַ ביסל פאַרוואָלט.

וגם, ווייל זיי האָבן געחלשט אַ טרונק,
זיי האָבן פאַרשטענדיקט זיך גיך אויפן ווונק,
זיך צוגעשאַרט גרינג צו דעם טיש פון דעם ייִדל,
און ברומענדיק עפּעס אַ בים-באָם, אַ לידל,
אַנידערגעזעצט און זיך היימיש געמאַכט,
ביים קעלנער באַשטעלט און ער האָט זיי געבראַכט —

צוויי גלעזער און אָנגעפילט זיי עלעגאַנט,
און יעדער פּאַרשוין, מיט אַ גלאָז אין דער האַנט,
האָט וואַרעם געזאָגט: „לאָמיר טרינקען לחיים,
ווי ס'האָבן געטרונקען און טרינקען עד־היום
די לײַט וואָס דער ווײַן, ווי אַ ווײַבערשער גלעט,
פּאַרטרויט זיי כּסדר אַ זיסן סעקרעט!"

זעקסטער שטאַפּל:

די שרעק

דער טאָסט האָט דעם כעלעמער טרוימער צעוועקט
און ער האָט געעפנט די אויגן מיט שרעק.
נאָר נישט פאַר די יונגען האָט ער זיך דערשראָקן
און שיר נישט אַרויס פון די שיך און די זאָקן,
דערציטערט געוואָרן איז ער, ווײַל געקלערט
האָט ער, אַז זיי האָבן זײַן סוד שוין דערהערט.

אַ ווײַלע בײַם טיש געוועזן איז שאַ־שטיל,
ווי ערב אַ שטורמישן אַקט אין אַ שפּיל.
דער ייִד מיט די מילדע, פאַרכעלעמטע אויגן
האָט לאַנג מיט זײַן בליק זײַנע אורחים געוווּיגן,
די פּנימער פרעמדע געלייענט, געהיט —
צי האָבן זיי עפּעס געהערט... אָדער ניט?

זיבעטער שטאפּל:

דער חשד

געשוויגן פאַרטופּטע אַ לענגערע צײַט
עם האָבן אויך ביידע שאַלקהאַפטיקע לײַט.
פון איין זײַט געוואָלט האָבן זיי, אַז דער תּמים
זאָל מיינען זיי זײַנען די גרעסטע חכמים
און וויסערס פון סודות אַ שלל, אַלערליי,
און פון דער אַנדערער זײַט האָבן זיי

געשוויגן ווײַל זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט...
„ווער איז ער? וואָס איז ער? וואָס איז זײַן מהות?
וואָס טוט ער באַהאַלטן, איז חושד און שרעקט זיך?"
זיי האָבן געפּרועגט זיך און איבערגעפּרעגט זיך,
געטראַכט אַלץ: „ווי קריכט מען אין האַרץ אים אַרײַן?"
און ענדלעך באַשלאָסן צו פרעגן — ביים ווײַן...

אַכטער שטאַפּל:

משלים

אין טישל געגעבן אַ הילכיקן פּאַטש
האָט באַלד איינער פון זיי (דער יונגאַטש,
וואָס האָט זיך, ווײַזט אויס, פאַר דעם פּירער געהאַלטן)
און האָט מיט אַ פרייליכן פּנים צעשטראַלטן
און אויגן וואָס האָבן געלאַכט אַזוי קלוג,
אַ זאָג געטאָן לעבעדיק: „חברה, גענוג!"

„וואָס טוט זיך דאָ?״ האָט ער געהאָניקט די רייד
און האַרציק צענומען די הענט אין דער ברייט.
„מע זאָגט טאַקע: שווײַגן איז גאָלד! (און ס׳איז אמת!) *
איז ערשטנס, אַ פֿראַגע נאָך: וועמעס? יאָ, וועמעס?
און צווייטנס, גייט זילבער דאָך אויך נישט צו פֿוס!...
דעריבער איז, זאָג איך, זײַט מוחל, אַ שטות

„צו אײַלן זיך ווערן גבירים איינס־צוויי!
ווײַל וועלן מיר זוכה זײַן, וועט אונדזער ריי
נאָך קומען, אים ירצה־השם... נאָר בטחון!...
און עצבות אַ זינד איז דאָך אויך אין דער וואָכן!
איז לאָמיר, רבותי, נישט שווײַגן ווי פֿיש ...
קעלנער! וואָס שטייסטו? מאַך פֿריילעך דעם טיש!...״

דערווײַל נאָך אַ משל געבראַכט האָט ער זיי:
„אַ וואָרט איז אַ רענדל און שווײַגן איז צוויי **
געזאָגט האָט אַ ייִדישער חכם פֿאַרצײַטן,
און טאַקע דערפֿאַר וואָס מיט שווײַגן פֿאַרבײַטן
האָט ער נישט געוואָלט אָט דעם טרעפֿלעכן זאָג,
זײַן וואָרט איז געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג!...״

---

* ריידן איז זילבער, שווײַגן איז גאָלד (פֿאָלקסווערטל)

** מלה בסלע משתוקא בתרין (מגילה יח)

נייַנטער שטאָפּל:

און ווידער לחיים!

דער קעלנער, פֿאַרשטייט זיך, האָט לאַנג נישט געטראַכט,
אַ פֿרישע פֿלאַש ווייַן צו דעם טיש צוגעבראַכט,
די ליידיקע גלעזער פֿון ס׳נייַ אָנגעגאָסן.
און באַלד ווי פֿאַררייכערט מע האָט פּאַפּיראָסן,
דער כּעלעמער ייִד האָט זיך מער נישט געווערט,
און ס׳האָט זיך אַ הייסער לחיים דערהערט.

„לחיים!... לחיים!... געזונט זאָלט איר זייַן!"
מע האָט זיך געווינטשן, געטרונקען דעם ווייַן.
און פּונקט ווי זיי האָבן זיך פֿריִער צעשוויגן,
זיי האָבן אַצינדער כּמעט שוין געשריגן,
נאָר העכער פֿון אַלע, מיט ווערטער צעגליט,
גערעדט האָט ר׳ חיים, דער כּעלעמער ייִד:

„איר האָט מיך, רבותי, איצט ממש דערקוויקט.
ס׳האָט נאָר די השגחה צו מיר אייַך געשיקט.
שוין וואָכן איך דריי זיך אַרום דאָ און נישטער,
איך זוך און איך בין שוין כּמעט אַ צעמישטער,
איך בלאָנדזשע אַרום ווי אַ היימלאָזע שאָף..."
און ער האָט דערציילט זיי פֿון אַלף ביז תּיו.

ער האָט זיי פון כעלעמס אַבידה דערציילט,
געזאָגט ווי אַזוי מע האָט אים אויסדערוויילט
ער זאָל דעם פאַרשווּנדענעם סוד באַלד געפינען,
ווײַל אַן אים קען כעלעם נישט האָבן קיין זינען,
און אויך ווי אַזוי ער האָט סוף־סוף פאַרטראַכט
דעם פּלאַן, וואָס האָט איצטער אין שענק אים געבראַכט.

און וואָס מער דער ייִד האָט גערעדט און גערעדט,
ווי ס'וואָלט אים צו רעדן געצווּנגען אַ שד, *
אַלץ גיריקער האָבן די בלאַטע צוויי יונגען
דעם כעלעמערס גלײַקע ווערטער געשלונגען.
ביז ס'האָט אים די שיכּרות די אויגן פאַרמאַכט.
און דעמאָלט זיי האָבן אַן עצה פאַרטראַכט.

צענטער שטאַפּל:

אַ גאָלדן געשעפט

„מיר האָבן דערטאַפּט דאָ אַ גאָלדן געשעפט,
אַזאַ וואָס נאָר איין מאָל אַ לעבן זיך טרעפט!"
דער עלטערער יונג האָט געזאָגט צו דעם צווייטן.
„מיר האָבן דאָ, ברודער, אַ ייִד אַ צעדרייטן,
אַ שוטה, אַן אמתן כעלעמער יאָלד!
און אָנגעפילט מוז ער, דער העכט, זײַן מיט... גאָלד!"

---

* כמי שכפאו שד (נדרים כ)

„איך זע,״ האָט דער צווייטער, מיט אויגן פון פרייד,
געקוקט אויף דעם כעלעמערס גאָלדענער קייט...
„דער שׂונא פון סודות — דער ווײַן — האָט אונדז, כ׳לעבן,
באמת אַ נאָבעלן ענטפער געגעבן!
פאַרוואָר, ס׳איז די מעשׂה, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט,
נאָך שענער פון דעם, וואָס מיר האָבן געפרעגט.

„איז לאָמיר אים זינגען אַ לויב און אַ דאַנק,
דעם זינגער, דעם ווײַן, פאַר זײַן שיינעם געשאַנק.
דער ווײַן...״ האָט דער יונג עפּעס נאָך געוואָלט זאָגן,
נאָר ס׳האָט אים זײַן חבר גיך איבערגעשלאָגן:
„דער ווײַן — ער קען וואַרטן! די צײַט אָבער פליט,
ווי ס׳פליט איצט אין חלום דער כעלעמער ייִד.

„אָט באַלד, און ער וועט פון דעם חלום אַרויס.
מיר מוזן דעריבער זיך אײַלן. הער אויס!
ער פליט, אָבער מיר וועלן פליִען נאָך גיכער!״
די הענט זיך געריבן האָט דער מאַרעוויכער,
נאָר האָט שוין די רייד נישט דערגעדט ביז צום סוף,
ווײַל אויפגעכאַפּט האָט זיך ר׳ חיים פון שלאָף.

עלפטער שטאָפּל:

די עצה

„וואָס הערט זיך אין כעלעם?" זיי האָבן געפרעגט
און האָבן אים פרײַנדלעך די הענט אויסגעשטרעקט,
געגעבן אים שלום, געקוקט אין די אויגן.
„ווען איר זײַנט אין כעלעמער חלום געפלויגן
און אָנגעשפּאַרט ערגעץ־ווו העט אין דער הייך,"
האָט יונג נומער איינס אים געזאָגט אַזוי ווייך,

„מיר האָבן דערווײַל, אויף דער זינדיקער ערד,
פון מצב פון אײַערן לאַנג נאָכגעקלערט —
אַ ריכטיקע עצה פאַר אײַך צו געפינען
(און טאַקע דערבײַ אויך אַ מצווה פאַרדינען),
און, הערט איר, ר' חיים, ס'איז ממש אַ גליק,
מיר האָבן אַן עצה פאַר אײַך, אַן אַנטיק!"

„אַ ברכה אויף אײַערע קעפּ, ליבע פרײַנד!"
עס האָט זיך ביים יידן דאָס פּנים צעשײַנט
און ס'האָבן די אויגן געפינקלט מיט טרערן.
„אַן עצה פאַר מיר?... כ'בין אַ בעלן צו הערן!...
איך וויים, אַז איר קוקט נישט אַרוים אויף קיין שׂכר,
נאָר, גלייבט מיר, איך וועל אײַך נישט קריוודען דערפאַר!"

„וואָס רעדט איר פֿון שׂכר?" אים אַרײַן אין די רייד
איז יונג נומער צוויי מיט אַן אָנשטעל פֿון לייד,
וואָס האָט ווי אַ מאַסקע פֿאַרצויגן זײַן פּנים.
„מיר וועלן שוין דורכקומען מיט אים און אָן אים!
איך וויל זיך נישט קריגן, נאָר פֿרעגן איך מוז:
ווי קומט צו אַ חכם ווי איר אַזאַ שטות?..."

„ווי גאָט איז אײַך ליב, איך האָב גאָרנישט געמיינט!"
געזאָגט האָט דער ייִד און זיך שיִר נישט צעוויינט
און נאַריש געשמייכלט — אַ זון מיט אַ רעגן.
געוואָלט האָט ער נאָך עפּעס זאָגן צי פֿרעגן,
ווען ס'האָט נומער איינס אים אַ זאָג געטאָן ברייט:
„אַוודאי, אַוודאי!... וואָס טויגן די רייד?

צוועלפטער שטאַפּל:

אַ טובה

„מיר וועלן שוין דורכקומען. ווי זאָגט די וועלט:
די מצווה אַליין איז דער שׂכר, נישט דאָס געלט!" *
געזאָגט האָט דער יונג. „און אַנשטאָט זיך צו קלעמען,
איז גלײַכער מיר זאָלן צום עיקר זיך נעמען.
אַ רענדל אַרויף און אַ רענדל אַראָפּ,
עס נייט נישט אין דעם, ליבער פֿרײַנד! און... לאָזט אָפּ,"

* שׂכר מצווה מצווה (פּרקי אבות ד, ב)

פאַרהאַלטן האָט ער, מיט דער האַנט אין דער לופט,
דעם ייִדן, וואָס האָט עפּעס זאָגן געפּרוּווט...
„זינט ס׳האָבן זיך סודות מיט סודות געסודעט,"
דער יונג האָט די ווערטער באַטאָנט און געהוידעט,
„עס איז אויף דער וועלט נישט געווען אַזאַ סוד
ווי דער, וואָס מיר האָבן פאַר אײַך... דאָ אין בראָד!

„און אָט דעם־אָ סוד," האָט ער ווײַטער גערעדט,
„אַוועקגעבן אײַך זײַנען מיר איצטער גרייט.
עס וועט אונדז נישט גרינג זײַן מיט אים זיך צו שיידן,
ווײַל ער איז כּמעט ווי אַ טייל פון אונדז ביידן.
פון דעסטוועגן, זײַנען מיר גרייט דאָס צו טאָן,
ווײַל איר, ליבער פרײַנד, קערט זיך אויך מיט אונדז אָן.

„כּדי איר זאָלט וויסן זײַן זעלטענעם ווערט,
מיר מוזן אײַך אויסזאָגן איצטער, איר הערט,"
דער יונג האָט דעם ייִדן בײַם לאַץ אָנגענומען,
„אַ סוד אויך אַ צווייטן — פון וואַנען געקומען
דער סוד איז צו אונדז, ווי אַזוי... און איר וועט
פאַרשטיין די ראַיעלקייט פון אונדזער סעקרעט.

דרײַצנטער שטאַפּל:

אַ סוד מיט אַ ניגון

„געשען איז עס טאַקע, איר הערט, אַט די טעג...
„געדענקסט"?" האָט ער היימיש בײַם שותּף געפרעגט.
„מיר זײַנען געזעסן אין וואַלד און געשוויגן,
ווען פּלוצעם מיר האָבן פאַרנומען אַ ניגון —
אַ נאַקעטן ניגון, וואָס איז אָבער באַלד
געוואָרן מיט ליכטיקע רייד דורכגעשטראַלט.

„און תּיכּף דערנאָך האָבן מיר אויך דערזען
ווער ס'איז דער ליכטיקער זינגער געווען...
מיר זײַנען נישט אויסן, חלילה, אייך פּלעפן,
נאָר איר ווערט, ר' חיים, דאָס קיין מאָל נישט טרעפן. —
דער זינגער, וואָס האָט אונדז געזונגען דעם סוד,
געווען איז אַ... פויגל, וואָס האָט אין אַ ראָד

„געשוועבט אַרום אונדזערע קעפּ אַזוי מילד
און האָט מיט אַ זיסקייט אַזאַ אונדז פאַרשפּילט,
וואָס איז אין די ביינער אַרײַן צו אונדז ביידן.
נישט אַנדערש, געקומען ער איז פון גן־עדן:
געווען איז זײַן ליד אַזוי גרינג צו פאַרשטיין,
כאָטש ער האָט געהאַט — אַזאַ הימלשן מיין.

פערצנטער שטאַפּל:

דער פויגל פון סודות

„רבותי! געוואַלד!.... אײַער זכיה איז גרויס!"
דער בעלעמער איז פון די כּלים אַרויס.
„פון דעם, וואָס איר האָט מיר דערציילט דאָ, פאַרשטיי איך,
אַז דאָס איז געווען דער עוף הפורח —*
דער פויגל פון סודות פון גרויסן פאַרמעסט,
וואָס האָט אין דעם וואַלד פון דעם תּלמוד זײַן נעסט!

„איך זאָג אײַך, רבותי, ווי איך בין אַ ייִד,
שוין יאָרן איך וויים פון דעם פויגל, וואָס פליט
אַרום אויף דער וועלט און האָב הערן באַגערט אים,
צי טרעפן כאָטש מענטשן, וואָס האָבן געהערט אים...
איך בעט אײַך, דעריבער נישט מאַריך זײַן מער,
און גיט מיר די אונטערשטע שורה אַהער!"

פופצנטער שטאַפּל:

דער פּרײַז פון פליגל

און יונג נומער איינס האָט געענטפערט: „גערעכט!
מיר דאַכט זיך, ר' חיים, איך וויים, וואָס אײַך שטעכט!...
איר טראַכט שוין פון תּכלית: עס ווילט זיך אײַך וויסן
מה יקר, צי איז נישט קיין טײַערער ביסן
פאַר אײַך דאָס געשעפט... איז מײַן ענטפער: יאָ-ניין.
דער פּרײַז אויב איר ווילט, איז אי גרויס און אי קליין.

---

* עוף הפורח (סוטה לא)

„עס ווענדט זיך, למשל, אויב איינער איז גרייט
פּאַר פליגל באַצאָלן, אַ גאָלדענע קייט —
ווייַל פליִען ביי אים איז אַזאַ גרויסער ענין,
אַז ער וואָלט געגעבן אַפילו אַ מנין
און מערער נאָך גאָלדענע קייטן, איר הערט ?...
דאָס אייגענע, ווידער, אַ צווייטער — פאַרקערט !

„בקיצור, מיר גיבן אייַך איצטער אַוועק
דעם סוד, וואָס עס האָט אונדז דער פויגל אַנטפּלעקט.
דערצו נאָך אַ צולאָג מיר ווען אייַך שענקען,
אַז איר זאָלט אונדז האָבן אויף לאַנג צו געדענקען —
מיר וועלן אייַך אויסלערנען דאָ אויפן אָרט
דעם צייכן געהיימען, דאָס טייַערע וואָרט.

„וואָס ער, ס׳הייסט דער פויגל, געגעבן אונדז האָט,
אַז ווען מיר פאַרבענקען זיך שטאַרק נאָך אַ סוד,
מיר זאָלן דאָס הייליקע וואָרט בלויז אַ זאָג טאָן,
און ער וועט דערהערן דעם רוף, זיך אַ טראָג טאָן
און קומען צו פליִען צו אונדז טאַקע באַלד,
זיך ווידער באַווייַזן, ווי דעמאָלט אין וואַלד.

„דאָס זײַנען די פֿליגל, וואָס מיר זײַנען גרייט
אַוועקגעבן אײַך פֿאַר דער גאָלדענער קייט...
דאָס איז עס, ר׳ חיים, נישט שייך זיך דינגען.
און קיינער עס קען אײַך, חלילה, נישט צווינגען.
באַשטימט איר אַליין אויב ס׳איז קליין אָדער גרויס
דער פּרײַז פֿאַר די פֿליגל... באַשטימט און קלײַבט אויס!"

זעכצנטער שטאָפּל:

דער שומר פֿון יושר

„כ׳האָב שוין אויסגעקליבן, ווײַל אויסגעווײלט מיך
עס האָבן די פֿליגל נאָך איידער זיי — איך!"
געזאָגט האָט דער ייִד און די קייט אָפּגעקנעפּלט...
און כאָטש ס׳האָט אין שענק שוין דער אָוונט גענעפּלט,
מע האָט בײַ דעם טונקעלן ליכט געקענט זען
ווי ס׳האָט אין זעקס אויגן געפֿלאַקערט אַ ברען.

געוואָלט עפּעס זאָגן, געשאַרפֿט שוין זײַן צונג,
אַ גיכער, געטראַכט האָט דער עלטערער יונג,
ווען פּלוצעם די שטילקייט האָט איבערגעריסן
דער כעלעמער ייִד און געזאָגט: „מײַן געוויסן,
דער שומר פֿון יושר, האָט שטרענג מיר פֿאַרווערט
צו נעמען, רבותי, דעם סוד וואָס געהערט

„האָט איר פון דעם פויגל, ווען ער האָט גערעדט
צו אײַך נאָר אַליין... און דעריבער איך בעט
איר זאָלט מיר בלויז זאָגן דעם סימן, דעם צייכן,
דאָס וואָרט ווי אַזוי אים צו רופן, דערגרייכן,
און איך וועל אַליין בײַ אים בעטן אַ סוד,
אַ זינען, אַ חלום, פאַר כעלעם מײַן שטאָט...

„און לאָמיר נישט פטרן מערער קיין צײַט.
אָט האָט איר די גאָלדענע קייט, ליבע לײַט,
און זאָגט מיר דאָס וואָרט מיט די גאָלדענע קלאַנגען,
דעם שליסל צום מויל פון די זיסע געזאַנגען,"
געזאָגט האָט דער ייִד, און געשפּילט האָט אַ ליכט
פון יונגשאַפט און פרייד אויף זײַן מילדן געזיכט.

זיבעצנטער שטאָפּל:

דאָס טײַערע וואָרט

„אַוודאי, אַוודאי!" געענטפערט האָט אים
דער עלטערער יונג מיט געאײַל אין זײַן שטים.
„אַוודאי!... און מזל־טוב אונדז מיט דעם שידוך!...
נאָך אָנווײַזן מוזן מיר איצטער, ר' ייִד אײַך
אַז צוגעזאָגט האָבן מיר דאָ אויפן אָרט
אײַך גיבן.... נישט זאָגן, דאָס טײַערע וואָרט!

„באַרעכנט, און מודה זײַן וועט איר אַליין —
נישט רעכט איז מיט אים זיך אַזוי צו באַגיין.
מיר טאָרן דאָס הייליקע וואָרט נישט פאַרשוועכן,
ווײַל, כ׳לעבן, עס וואָלט דאָך געווען אַ פאַרברעכן,
מיר זאָלן דאָס וואָרט אײַך אַ זאָג טאָן, און ער
זאָל קומען צו פליִען אומזיסט איצט אַהער!...

„נאָר זאָרגט נישט, ר׳ חיים, ס׳איז נישט אַזוי שלעכט!
מיר האָבן אַן עצה, און זײַן וועט שוין רעכט,"
געאײַלט האָט דער יונג, ווי אויף גומענע רעדער,
גערופן דעם קעלנער, געבעטן אַ פעדער,
אַ טינטער, אַ בויגן פּאַפּיר, זיך געיאָגט,
האָט שרײַבן גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

„אָט אויף דעם ליכטיקן פעלד פון פּאַפּיר
פאַרזייען מיר איצטער דאָס וואָרט פון אַ שיר,
וואָס וועט פאַר אײַך שטענדיק צעשטראַלן, צעבליִען,
דעם רוף, אַז דער פויגל זאָל קומען צו פליִען,
אײַך ברענגען און זינגען אַ בשורה, וואָס גלעט
דעם אויער מיט זיסן געשמאַק פון סעקרעט!"

אַכצנטער שטאַפּל:

אָפּשייד

דאָס וואָרט אָנגעשריבן מיט גרויסן פּאַראַד,
צונויפגעדרייט האָט מען דערנאָך דעם כּתב־יד
אַזוי ווי מע וויקלט צונויף אַ מגילה.
דער ייִד האָט גענומען דאָס כּתב מיט אַ תּפילה,
מיט שׂמחה די גאָלדענע קייט זיי דערלאַנגט,
און מ׳האָט זיך געזעגנט און מ׳האָט זיך געדאַנקט.

ווען ס׳האָבן די יונגען געאײַלט זיך שוין גיין,
דער כעלעמער האָט אַ געשריי געטאָן: „ניין!"
און ס׳זענען די הערצער אַנטפּאַלן ביי ביידן...
„מיר טאָרן זיך טרוקענערהייט נישט צעשיידן!"
געזאָגט האָט ר׳ חיים: „געזונט זאָל איר זײַן!"
און האָט בײַ דעם קעלנער באַשטעלט אַ פלאַש ווײַן.

און ווידער מע האָט זיך אַנידערגעזעצט,
געטרונקען לחיים, דעם מסחר באַנעצט,
געשמועסט, געשפּאַסט און ניגונים געזונגען,
און איטלעכער צד — ס׳הייסט דער ייִד און די יונגען —
האָט פריידיק געטראַכט, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט,
אַז ער האָט דעם אמתן פויגל געכאַפּט.

נאָכקלאַנג:

דער פאָרהאַנג

די מעשׂה דערפון ווי דער בעלעמער ייִד
געקומען אַהיים איז קיין בעלעם, צעגליט —
די שׂמחה, וואָס ער האָט געבראַכט און די ווונדער —
וועל איך נאָך, אם ירצה השם, אײַך באַזונדער
דערציילן אַ מאָל, ווען אַנטפּלעקן וועט מיר
דער פויגל פון סודות דעם שליסל צו איר.

נאָר איצטער די טיר פון דעם ליד איז פאַרמאַכט.
אויף בראָד און אויף בעלעם אַראָפּ איז די נאַכט
און האָט זיי אויף אייביק, אויף אייביק פאַרשלונגען.
נישטאָ מער דער ייִד, נישט די קייט, נישט די יונגען.
געבליבן איז אונדז נאָר די מעשׂה פון סוד,
וואָס דער בעלעמער ייִד האָט געקויפט זיך אין בראָד.

נאָוועמבער 1962 — יאַנואַר 1963

אין טיפעניש פון יעדן וואָרט

אין טיפעניש פון יעדן וואָרט
עס איז אַ וואָרט באַהאַלטן,
וואָס וואַרט אויף אַ באַשערטער האַנט,
זי זאָל די שאָל צעשפּאַלטן,
כּדי דערהערן זאָל די וועלט
זײַן קול, וואָס איז פֿאַרשטיקט,
און ווערן זאָל אַ האַרץ, וואָס בענקט,
דערפֿון מיט טרייסט דערקוויקט.

אין יעדן וואָרט עס האָפֿט אַ וואָרט
צו ווערן אויפֿגעבונדן,
כּדי אַ נייער טיפֿער מיין
זאָל ווערן אָנגעצונדן,
אַז ברענגען אים, וואָס לײַדט און וויינט,
אַ היילונג אומגעריכט,
עס זאָל דער פֿלאַקער פֿון אַ נס
מיט זײַן צעשפּילטן ליכט.

פעברואַר 1961

אין דער ביינערנער תּפֿיסה

אין זײַן ביינערנעם הויז מיטן גרוי־גרינעם דאַך
אַ לעבן שוין וואַנדרעוועט אַ טשערעפּאַך.

ער איז אויסגעוועזן וואַסערן טיפֿע און פֿלאַכע,
ווּהין ס׳האָט גערופֿן אים אַ טשערעפּאַכע,
וואָס האָט זיך אַ שטילע באַוויזן אַ מאָל,
ווען ער איז געזעסן בײַם טײַכל אין טאָל,
און ס׳האָבן פֿאַרכאַפּט אים די ווילדע קאָלירן,
וואָס האָבן געשטראַלט אויפֿן שאַרבן אויף אירן,
און ס׳האָט זייער גלײַקער, פֿאַרביקער בלענד
אַ בענקשאַפֿט אויף שטענדיק אין אים אויסגעברענט,
אַ בענקשאַפֿט צו זינגען און זאָגן — אַ ווילן,
וואָס וויפֿל ער טוט נישט, ער קען אים נישט שטילן.

ער איז אויסגעוועזן וועלדער, אויף בערג אויך געווען,
און אומעטום האָט ער חידושים געזען;
געווען אויך אין פֿינצטערע היילן און גריבער,
אויף זאַמדן פֿון מדבר, אין זומפּן פֿון פֿיבער,
געקוקט אויף דער זון, אויפֿן הימלשן שפּיגל
געהאָפֿט ס׳וועט דער הימל באַשערן אים פֿליגל,
און ער וועט זיך געבן אַ ריס און אַרויס
פֿון ענגן געפֿאַנג אין זײַן ביינערנעם הויז,
אַ פּלי טאָן אַ פֿרײַער, מיט חושים מיט וואַכע,
צום פֿלאַמיקן פֿײַער פֿון דער טשערעפּאַכע.

נאָר שטיל, מיט די בענקשאַפֿטן טרויעריק זיסע,
ער חלומט נאָך אַלץ אין דער ביינערנער תּפֿיסה.

אַפּריל—מײַ 1961

דער שמועס

„דעם דאָזיקן שמועס", דערציילט האָט אַ מאָל
ר' נתן דער סופר מיט ציטער אין קול,
„האָב איך אין דעם שטיבל בײַ אונדז בין־השמשות
אַנומלט געהערט מיט סכּנת־נפשות.

„די לופט איז געהאָנגען אַ שווערע ווי בלײַ.
אין שטיבל געווען זײַנען דעמאָלט נאָר דרײַ —
דער רבי און, פאַר אים, אַ ייִד אַ פאַרשמאַכטער,
און איך, אין אַ ווינקל, אַליין, אַ פאַרטראַכטער."

דער רבי

(צום ייִדן)

וואָס זיצסטו פאַרשטומט און מיט עצבות פאַרדעקט,
ווי ס'וואָלט זיך דײַן אוצר פון ווערטער געעקט?
דערצייל מיר... און אויב ס'האָט פאַרשטומט דיך דער רוח,
אַנטלײַ איך דיר רייד, ביסט בײַ מיר אַ בטוח.

דער ייִד

אוי, רבי, איך וויים נישט ווער ס'האָט מיך פאַרשטומט,
פאַר וואָס ס'איז מײַן לשון געוואָרן פאַרמומט.
געעקט האָט זיך נישט נאָר מײַן אוצר פון ווערטער,
נאָר איך בין אין גאַנצן אַן איבערגעקערטער.

אַ שווײַגעניש פאַלט אויף מײַן גוף ווי אַ שניי,
נאָר טיף אין מיר קלאָגט אַ געפּענטעט געשריי
און ווײַנט אויף דעם פלאַם, וואָס דער ווינט האָט פאַרלאָשן,
גייט־אויס נאָך דעם ליכט, וואָס געווען און נישטאָ שוין.

דער רבי

איך הער דײַן געוויין און פֿאַרשטיי דײַן געוויילד,
נאָר מיין נישט דו האָסט שוין, חלילה, פֿאַרשפּילט.
עס איז דיר אין האַרץ נאָך אַזוי פֿיל פֿאַרבליבן:
דעם קרן פֿון פֿלאַם האָט דער ווינט נישט פֿאַרטריבן.

דער ייִד

אוי, רבי, אוי, רבי! דער קרן פֿון פֿלאַם,
איז ער דען בכּוח צו שפּאַלטן דעם ים
פֿון חושך, וואָס שפּעט און לאַכט־אויס זײַן בעלנות
און רייצט זיך מיט אים און פֿאַרשעמט זײַן עקשנות?

דער רבי

איצט רעדסטו, זײַ מוחל, שוין גאָר ווי אַ נאַר.
געוואַלד! לאָז דעם ספק נישט ווערן דײַן האַר!
כּל־זמן וועסט דעם ספק פֿון זיך נישט פֿאַריאָגן,
דער קרן וועט מער אין דיר קיין מאָל נישט טאָגן.

דער ייִד

איך טרײַב אים, ער וויל אָבער, רבי, נישט גיין.
עס העלפֿט נישט קיין שרײַען און נישט קיין געוויין.
איך רײַס זיך אויף אים, נאָר איך קען זיך נישט רירן —
איך בין אין אַ תּפיסה מיט אָפֿענע טירן.

דער רבי

עס העלפט נישט?... גערוואלד! ס'איז דײַן תּפֿילה, דײַן שרײַ,
מסתּמא „אַ שיכּל מיט עקן מיט דרײַ".*
דער עיקר איז נישט אין דעם שרײַען!... חלילה!
אַ תּפֿילה פֿליט העכער מיט ווערטער מיט שטילע.

און זאָגן זי דאַרף מען מיט גלײַכן ברען,
ווי זי וואָלט די ערשטע און לעצטע געווען.
אַ תּפֿילה אַזאַ האָט אַ כּוח אַזאַ מין,
אַז נישט נאָר דאָס נפֿש, דער גוף ווערט אַ מאמין.

און נאָך עפּעס דאַרפֿסטו געדענקען, פֿאַרשטײן —
דײַן בעטעניש מוזסטו באַשאַפֿן אַליין,
מיט ווערטער מיט נײַע, ווי דו וואָלסט אַצינדער
גענומען ערשט רעדן דאָס לשון פֿון קינדער.

דער ייִד

דאָס לשון פֿון קינדער?... אוי ווי מיר און ווינד!
און אָנהייבן בלאָנדזשען פֿון ס'נײַ ערשט אַצינד,
נאָך דעם ווי כ'האָב יאָרן אַזוי פֿיל געשטאַמלט
ביז איך האָב אַ כּוח אין צונג אָנגעזאַמלט?

דאָס שטאַמלען איז, רבי, געווען אַזוי שווער,
און איטלעך זיס וואָרט האָט פֿאַרביטערט אַ טרער,
און איך האָב געמוזט זיך מיט ביטערניש קוויקן!...
צי דען מוז פֿון אָנהייב נאָר קומען מײַן תּיקון?

---

* און אַז דאָס דאַווענען איז נישט ווי מ'דאַרף, איז עס אַ שיכעלע מיט דרײַ עקן (ר' נחמן בראַצלאַווער).

דער רבי

פון אָנהייב! פון אָנהייב! און שטענדיק פון דאָרט,
פון אייביקן קוואַל, פון דעם ליכטיקן אָרט,
וואָס ער, ברוך־הוא, האָט געזאָגט אין דעם איידער,
באַשאַפן די וועלט און באַנײַט זי כּסדר.

דער ייִד

אוי, רבי, עס כאַפּט מיך אַ פּחד אַרום —
צי דען קען מיט פליגעלעך שוואַכע און שטום
אַ פליג אַ געשלאָגענע האָפן דערגרייכן
צו יענע פאַרבלענדיקע ליכטיקע הייכן?

דער רבי

אַוודאי! אויב זי וויל באמת אַרויף,
אַזוי ווי אַ גרעזל אַ חצוף גייט־אויף,
אַרויס פון דער בלאָטע פון עצבות און שימל,
און רוקט זיך און רעדט ווי אַן עקשן צום הימל.*

דער ייִד

די רייד פון דעם רבין זיי רעדן זיך גרינג.
אַ דורשטיקער שלינג איך זיי, רבי, און טרינק.
זיי היילן און מאַכן מיט היילונג מיך שיכּור
און שיקן מיך בלינד אויף אַ וועג אַן צוריקקער.

---

* חוצפה אפילו כלפי שמיא מהני (סנהדרין קה)

ר׳ נתן

עס האָט זיך דער שמועס פאַרצויגן העט-העט,
און כ׳האָב נישט געוווּסט שוין ווער פרעגט און ווער רעדט.
דערנאָך זײַנען ביידע געוואָרן אַנטשוויגן
און ס׳האָט בלויז די שטילקייט געזונגען אַ ניגון.

נאָר וואָס ס׳האָט דער ניגון פון שטילקייט געזאָגט,
האָב איך נישט פאַרשטאַנען. עס האָט שוין געטאָגט,
ווען איך האָב די אויגן געעפנט, דערזען —
דער ייִד איז אין שטיבל שוין מער נישט געווען.

איך האָב בלויז געזען בײַ דער אָפענער טיר
דעם רבין און ער האָט געמורמלט צו מיר:
„זע, נתן, זע. ווי עס פלאַקערט דער דאָרן —
אַ ייִד איז הײַנט ווידער געבוירן געוואָרן!״

אַפּריל—מײַ 1963

אַן אומעטיקע מעשׂה מיט אַ שיינעם גראַם

עס איז געווען אַ נאַכט אַ טריבע, ס'האָט גערעגנט,
ווען כ'האָב זײַן ליד דערהערט און אים אין גאַס באַגעגנט,
געזען אים ווי ער איז געשטאַנען אויפן ראָג,
אַ בלינדער, און עס האָט אַרויסגעקלאָגט אַ קלאָג,
אַרויסגעברומט פון אים אַן אומעטיקס, אַ לידל,
וואָס ער האָט צוגעשפּילט, געברומפּלט אויף אַ פידל:

הערט אוים מיך, ליבע מענטשן, מענטשן מיט געפילן!
די מעשׂה, וואָס איר הערט מיך אויף מײַן פידל שפּילן
(אַן אומעטיקע מעשׂה מיט אַ שיינעם גראַם)
דערציילט, ווי ס'איז אַ מאָל געפאָרן אויפן ים,
אַ קאַפּיטאַן אַליין, און וואָס עס האָט געטראָפן,
ווען ס'איז אין מיטן וועג דער ווינט פון אים אַנטלאָפן.

דער ווינט, וואָס האָט געלאַכט און האָט מיט זײַנע פליגל
געפירט די שיף אין ים פון כּישופדיקן שפּיגל,
(און ס'האָבן טויזנט פידלען פײַערדיק און ווילד
אַ ברויזנדיקן ניגון אויפגעוועקט, צעשפּילט)
איז פּלוצעם נישט-געוואָרן און עס איז פאַרשוווּנדן
די אימפּעטיקע פרייד, וואָס ער האָט אָנגעצונדן.

דער קאַפּיטאַן, פאַרוווּנדערט, האָט ווי אין אַ דרימל,
די אויגן אויפגעהויבן און געקוקט אין הימל,
דעם אויפגעכאַפּטן ווינט געזוכט מיט זײַן שפּאַקטיוו,
געבעטן זיך ער זאָל די זעגלען פון דער שיף
מיט לאַכנדיקן קול, מיט פליייקייט באַרירן,
און ווײַטער אויפן וועג פון צויבער־ים אים פירן.

נאָר נישט געהערט האָט אים דער ווינט און אַלץ געשוויגן,
זיך נישט געמאַכט דערפון וואָס ס'האָט צו אים געשריגן,
געוויינט דער קאַפּיטאַן: גענוג שוין, ווינט, געשפּאַסט!
געהאָפט, אַז באַלד וועט ער אַ טרייסל טאָן דעם מאַסט,
אַ לאַך טאָן אין די זעגלען און, מיט פרייד באַנײַטער,
ער וועט די שיף אַ טראָג טאָן ווי אַ פערד אַ רײַטער.

דערווײַל האָט אויך דער ים מיט זײַנע טיפע אויגן
געקוקט צום קאַפּיטאַן, גערופן אים, געצויגן,
געשטוינט, ווי ער וואָלט אים אַ רעטעניש געפרעגט.
האָט שטיל דער קאַפּיטאַן די אָרעמס אויסגעשטרעקט,
מיט ציטערדיקע הענט דאָס רעטעניש גענומען
און האָט עס מיט אַ בליק אַ צאָרנדיקן, שטומען,

צום הימל אָפּגעשיקט: זאָל ער וואָס טוט פאַרקליידן,
באַהאַלט פון אונדז דעם סוד, זאָל ער אים איצט באַשיידן,
פאַרענטפערן פאַר וואָס ער שטעכט אונדז אָן אַ שפּיז,
פאַר וואָס זײַן גוטס אַפילו קומט ווי אַ קאַפּריז —
אַט טוט ער אונדז אַ ווינט אַ פריידיקן באַשערן,
אַט כאַפּט ער אים אַוועק, באַהאַלט אים אין די שטערן!

נאָר ווען פון הימל איז קיין ענטפער נישט געקומען —
און ס'איז די שיף, ווי זי וואָלט קיין מאָל נישט געשווומען,
און קיינער וואָלט זי קיין מאָל, קיין מאָל נישט געפירט,
געשטאַנען אַלץ פאַראַנקערט און זיך נישט גערירט —
עס איז דער קאַפּיטאַן אין ים אַרײַנגעשפּרונגען
און פון דער טיף אַרויס האָט זיך זײַן וויי צעקלונגען.

און דעמאָלט האָט די שיף אַליין געלאָזט זיך שווימען,
געפאָרן אָן באַראָט, אָן צוויבערדיקע שטימען...
מע זאָגט, זי פאָרט נאָך אַלץ אַרום אַזוי, פאַרשמאַכט.
וווּהין זי קומט, זי ברענגט דעם שאָטן פון דער נאַכט,
דער הימל ווערט פאַרשוואַרצט און אָפט מע קען אויך הערן —
עס וויינען־מיט מיט איר דער הימל און די שטערן.

אָט דאָס איז, ליבע מענטשן, מענטשן מיט געפילן,
די מעשׂה, וואָס איך טו אײַך אויף מײַן פידל שפּילן,
די אומעטיקע מעשׂה מיטן שײנעם גראָם.
זי איז צו מיר געקומען פון דעם טיפן ים,
אַרײַן צו מיר אין פידל מיט אַ ווילד געוויין,
און ווי דער ים איז טיף, אַזוי איז טיף איר מיין.

מײַ—יוני 1963

מיטן פלאַם פון איצטיקייט

פון די ווערטער, וואָס פאַרשריבן
האָט אַ דיכטער אין אַ בוך,

פון קאָלירן אויף אַ טוך,
וואָס אַ מאָלער האָט צעצונדן,

ווערן קיין מאָל נישט פאַרשוווּנדן
נישט דער ניגון, נישט דאָס בילד,
וואָס זיי האָבן דאָרט צעשפּילט:

לאַנג נאָך דעם ווי דאָ נישטאָ שוין
זײַנען מאָלער און פּאָעט,

הערט מען אַלץ נאָך דאָס געבעט
פון דעם חלום מיטן ניגון,
וואָס זיי האָבן אויסגעשוויגן

און וואָס ברענט אין קנויט פון צײַט
מיטן פלאַם פון איצטיקייט.

יולי 1963, איבערגעאַרבעט — מערץ־אַפּריל 1967

אַ ליד ווערט קיין מאָל נישט פאַרענדיקט

אַ ליד ווערט קיין מאָל נישט פאַרענדיקט,
עס בלײַבט אַלץ עפּעס נישט־דערזאָגט,
אַ שטייגער, ווי עס גיט אַ בלענדיק
דער ערשטער זונשטראַל ערב־טאָג,
נאָר ווי אַ האָז, ער ווערט באַלד נעלם,
פאַרשווינדט, ווײַל איידער וואָס און ווען,
עס גיט אַ וואָלקן אַ פאַרשטעל אים
און דעקט אים צו אין מיטן ברען.

אַ ליד ווערט קיין מאָל נישט פאַרענדיקט,
עס ווערט זײַן קול בלויז אײַנגעשטילט,
דאָס ליד אַליין פליט העכער שטענדיק
פון דעם וווּהין עס האָט געצילט
דער זינגער, ווען אַ וואָרט, אַ שמייכל,
האָט אים אין מיטן פון דער נאַכט
אַ טירל פון דער שירהס היכל
געעפנט — און עס באַלד פאַרמאַכט.

אַ ליד ווערט קיין מאָל נישט פאַרענדיקט,
ווײַל די סימנים פון געזאַנג
נישט לאָזן זיך דערקענען שטענדיק
אין ערשטן וואָרט, אין ערשטן קלאַנג.
און ווי געשיקט און הויך עס פליט דער
פּאָעט און זוכט — פאַרפעלט ער פאָרט
געפינען אַלע, אַלע ברידער
פון דעם באַשערטן ערשטן וואָרט.

אויגוסט־סעפּטעמבער 1963

צו גאַסט בײַ אַ חבר אויף יענער וועלט

אין אָנדענק פון נ. ב. לינדער ע״ה,
נפטר א׳ אלול תש״ך

באַשיידן שטייט זײַן קליינער שטיין, ווי ער,
אַן אגבדיקער, עפּעס ווי מע זאָל
אים נישט באַמערקן און נישט וויסן ווער
ער איז געווען. נאָר מיט אַ וואַרעם קול,
איך הער, ער רעדט אַזוי פאַרטרוילעך, ווי
ער האָט גערעדט בײַם לעבן, און ער מאַכט:

„חברים טײַערע, בהן שלי,
אַ גוטע שעה האָט אײַך צו מיר צו גאַסט געבראַכט.

„מײַן גאַנצער דור איז באַלד שוין דאָ און דאָך,
און דאָך איך בין אַלץ אַ פאַרבענקטער נאָך
צו אײַך, חברים, און צום גאַנצן קאָך,
ווי ווען איך בין פון אײַער וועלט אַוועק פאַרבענקט
צום אָנהייב מײַנעם אין בערדיטשעוו, ווו געשענקט
אין יענע טעג, אין יענעם גרינעם טאָל,
מען האָט מײַן ערשטן חלום מיר אַ מאָל.

„געוועזן איז, אגב, גרינגער דאָרט ביַי איַיך
צו גיין לעם איַיער קאָבעדיקן טיַיך,
אַליין, וויַיל, כאָטש ביַי מיר אין הארצן נאָר,
עס איז מיַין חלום אויך געוועזן אַ וואָר.
און אויב איך האָב אים וויַיזן נישט געקענט,
האָט אַלץ די האָפענונג אין מיר געברענט —
ער וועט אַ מאָל אַ פּלי טאָן און מע וועט
דערהערן פּלוצעם ווי ער זינגט און רעדט".

אַזוי האָט ער צעוואָרעמט אַלץ גערעדט, דערציילט,
דעם פאַרהאַנג פון זיַין הארצן אָפּגעשיילט,
און איך האָב פּלוצעם ביַי דעם קבר זיַינעם אויך דערזען
די העלדן פון בערדיטשעוו, וואָס זיַין פּען
האָט זיי מיט וויַיטן עברדיקן גאָלד,
מיט ציכטיק, ריכטיק לשון אויסגעמאָלט.

„איר זעט," האָט ער געזאָגט צו מיר, „איר זעט,
זיי זיַינען דאָ — אין היגן הינערפּלעט —
כמעט די איינציקע פאַרשווינען, וואָס
איך קען מיט זיי דאָ אונטער גרינעם גראָז
אַ ביסל שמועסן אַ מאָל... איר הערט,
איך זאָג איַיך אוים אַ סוד פון אונטער דר'ערד:

„דער עולם דאָ ווערט גרעסער, נאָר ער שלאָפֿט.
דעריבער בעט איך אײַך, קומט אָפּט, קומט אָפּט,
ווײַל נאָר מיט אײַך, די לעבעדיקע, קומט
מיר אָן דאָס רעדן גרינג... און ווײַל פֿאַרשטומט,
פֿאַרטויבט עס זײַנען די שוין־בלײַבנדיקע לײַט,
איך בעט אײַך, אײַלט זיך נישט, איר האָט נאָך צײַט
צו קומען שוין אַהער אויף שטענדיק, אָן די שיך.

„כּל־זמן איר לעבט, איר לעבט נישט נאָר פֿאַר זיך,
נאָר אויך פֿאַר מיר, איך ווער פֿון אײַך געגעזן און באַזונט.
איז קומט... קומט אָפּט... און גייט אַהיים, און זײַט געזונט!"

סעפּטעמבער 1963

דער טרוקענער רעגן

מעשׂה: דערציילט האָט מײַן ברודער מיר וועגן
אַ דורשטיקן לאַנד, ווו מע האָט אויף אַ רעגן
געבעטן ביז מ׳האָט אים מיט מזל דערזען —
געזען ווי ער נידערט און נידערט אין פּלאַכטעס
אַראָפּ אויף דער ערד, וואָס געווען פֿאַרשמאַכט איז,
און יעדער האָט זיך משׂמח געווען.

נאָר איידער נאָך ער איז אַראָפּ פֿון די הייכן,
באַוויזן די טרוקענע ערד צו דערגרייכן,
וואָס האָט אויף זײַן קומען זיך קוים שוין דערוואַרט,
ער איז אין דער לופֿטן, אין מיטן זײַן פֿאַלן,
פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרוקענע שטראַלן...
און ווײַטער געבליבן די ערד איז פֿאַרדאַרט.

אין שכנישן לאַנד, ווו מע האָט פֿון דער ווײַטנס
דעם רעגן געזען, האָט מען אָבער באַצײַטנס
מקנא געווען שוין דעם גליקלעכן לאַנד.
פֿאַרדענקען דערפֿאַר אָבער קען מען נישט קיינעם:
פֿון וואַנען געזאָלט האָבן וויסן די שכנים,
אַז ס׳איז פֿון דעם רעגן געוואָרן אַ בראַנד?!

נאָר אויב נישט פֿאַרדענקען, געדענקען דאָך מוז מען:
מען טאָר נישט דערלאָזן דאָס אויג זאָל פֿאַרגוזמאַן
די קנאה, וואָס מאַכט אונדז צום נאַר. דאָס איז קלאָר.
אַפֿילו אַ רעגן, וואָס האַלט שוין אין פֿאַלן,
קען אויך דאָך אַ מאָל נישט אַראָפּ, נישט דערפֿאַלן
זאָל זײַן, אַז בלויז איין מאָל אין טויזנטער יאָר.

דאָס זעלבע, איר הערט, אָבער זאָגן אויך מוז מען:
מע טאָר נישט דערלאָזן איין פֿאַל זאָל פֿאַרגוזמאַן
דעם יאוש אויף שטענדיק, ווײַל דאָס איז אויך קלאָר —
אַ רעגן וואָס פֿאַלט שוין, וואָס האַלט שוין אין פֿאַלן,
ער וועט שוין אַראָפּ... אויב ער טוט נישט דערפֿאַלן,
געשעט עס בלויז איין מאָל אין טויזנטער יאָר.

סעפּטעמבער 1963

דער היפּער־ציפּור
(אַ מעשׂה מיט אַ פֿויגל, וואָס לאָזט זיך נישט כאַפּן)

ס'וועט זיכער נאָך קומען אַ צײַט ווען אַ דיכטער,
געפֿירט פֿון אַ שורה אַזאַ, אומגעריכטער,
דערזען וועט אַ מאָל מיט פֿאַרחידושטן אויג
אַ פֿויגל און מוזן אים אָנרופֿן פֿויג,
נישט נאָר, ווײַל דער גראַם וועט אים ראָטן צו צווינגען
אַזוי יענעם ריזיקן פֿויגל באַזינגען,
נאָר אויך, ווייל דער פֿויגל וועט זײַן אַזאַ ריז,
אַ שטייגער, ווי יענער אַמאָליקער זיז, *
וואָס קען אין דער רחבֿות פֿון תּלמוד אַפֿילו
נישט פֿליִען, ווען ס'גלוסט זיך אים זאָגן אַ תּפֿילה,
און שטיין מוז ער נעבעך, כּסדר אין ים,
ווי ער וואָלט, חלילה, געווען אַ תּם.

די גרייס פֿון אַזאַ היפּער־ציפּור פֿאַרניינען
און אים מיט אַן עק פֿון אַ ל' פֿאַרקליינען,
וואָלט נישט נאָר אַ חוזק געמיינט צום באַשאַף,
נאָר נאָכגעבן אויך, ווי אַ נאַר און אַ שקלאַף,
דעם גזר און קאַפּריזן פֿון מלך הלשון,
וואָס אָפֿט רוקט ער אונטער אַ וואָרט ווי אַ גראָשן,
ווען צאָלן עס וואָלט נישט געצאָלט אַדעקוואַט
אַפֿילו די וואָג פֿון אַ וואָרט אַ דוקאַט,
ווײַל אים איז אַלץ איינס און נישטאָ קיין מיוחס
בײַ אים צווישן ווערטער. ער היט בלויז די לוחות
מיט דינים פֿאַר דעם וואָס מע מעג און וואָס ניט,
און רק ער זאָגט דעות און רק ער געביט.

---

* זיז איז דער נאָמען פֿון אַ גרויסן לעגענדאַרישן פֿויגל (בבא בתרא עג)

פון דעסטוועגן צוגעבן מוז איך און וועל אײַך:
אַ ייִדישער גזלן בלויז איז ער דער מלך.
ער זאָגט טאַקע — אים איז עגאַל יעדער וואָרט,
און דאָך אַ געוווינהייט אַזאַ האָט ער פאָרט —
ער הייבט אַ געוואַלד אויף און שרײַט חי־וקים,
ווען עמעצער וויל מיט אַ וואָרט מיט אַ נײַעם
אַ שפּיל טאָן אין לשון און גיבן אַ לאַך.
ער שרײַט און ער שטרײַט: מען פאַרדאַרבט אים די שפּראַך!
ער קנאַקט מיט דער בײַטש און ער פירט אַ מלחמה.
נאָר סוף־כל־סוף בעט ער זיך איבער מסתמא:
דאָס וואָרט ווערט אַ טייל פון זײַן לשון־אימפּעריע
און לויבלידער זינגט ער „דעם מײַסטער, דעם בריה״.

נאָר לאָמיר אַצינד, אין פאַרצײַטישן נוסח,
צוריקגיין צום אָנהייב און גיבן אַ גרוס אײַך
פון פויגל, וואָס מיר האָבן פריִער דערמאָנט.
ער שוועבט נאָך דערווײַל אויפן לידם האָריזאָנט.
מע קען אָבער איצטער שוין וויסן און קלאָר איז:
עס וועלן דעם דיכטער נישט פעלן קיין צרות —
ווײַל וואָס וועט ער האָבן דערפון און וואָס טויג
אים דאָס, וואָס ער וועט אים שוין אָנרופן פויג,
אַז ווײַטער אַ רעטעניש וועט ער אַלץ בלײַבן,
דער פויגל, און וועט זיך נישט לאָזן באַשרײַבן,
ווי ס׳איז בײַם פּאָעט שוין נישט איין מאָל געשען,
ווען ער האָט אַזאַ היפּער־װוּנדער דערזען.

נישטאָ אָבער וואָס קאָפּ־אין־וואַנט זיך צו קלאַפּן:
אַפּילו ווען ס׳לאָזט זיך דער פֿויגל נישט כאַפּן,
צו האָבן געזען אים איז אויך שוין אַ ווערט —
אַ נס, וואָס פֿאַרהימלט אַ ביסל די ערד,
און העלפֿט אונדז דעם אומעט מיט ווערטער פֿאַרשפּילן,
דעם דאָרשט פֿון די הערצער מיט שירה צו שטילן.
און אויב, ווי עס טרעפֿט, עס געראָט נאָך דערבײַ
צו מאַכן אַ וואָרט, וואָס איז פֿריש, וואָס איז נײַ,
ווי פֿריש איז און נײַ איז דער הימלשער שפּיגל,
עס ווערט פֿון דעם וואָרט דאָך אַ מעכטיקער פֿליגל,
וואָס ברענגט אונדז אַהין, ווו עס ברענט נאָך און העלט
דאָס ליכטיקע וואָרט פֿון באַשאַף פֿון דער וועלט.

סעפּטעמבער—אָקטאָבער 1963

יעדער לעבעדיקע זאַך
רעדט אַ לעבעדיקע שפּראַך

וואָלפיש רעדט אַ וואָלף. אַ בער
זאָגט אויף בעריש זײַן באַגער.

לייביש רעדט אַ לייב. אַ בוים
מורמלט בוימיש, ווי אַ טרוים.

טאָגיש רעדט אַ טאָג און לאַכט,
און אויף נאַכטיש רעדט די נאַכט.

שוואַלביש רעדט אַ שוואַלב. אַ גראָז
רעדט אויף גראָזיש. און אַ האָז
רעדט אויף האָזיש, און אַ טויער
סקריפּעט טויעריש אין אויער.

אַ בהמה רעדט בהמיש,
מוקעט, מרוקעט אַזוי היימיש.
ווינטן וואָיען נאָר אויף ווינטיש,
און אַ הונט רעדט נאָר אויף הינטיש.

גלעקלעך קלינגען נאָר אויף גלאָקיש
און אַ בעקל רעדט אויף באָקיש.
די לבנה רעדט לבניש
און אַ האָן רעדט נאָר אויף האָניש.

נאַריש רעדט און טראַכט אַ נאַר
און באַרבאַריש — אַ באַרבאַר.
אויף קלוגיש רעדט אַ קלוגער נאָר,
משוגעש — אַ משוגענער.

יעדער לעבעדיקע זאַך
רעדט אַ לעבעדיקע שפּראַך.

ווייל מען אַלע זיי פאַרשטיין
און דערוויסן זיך, דערגיין
זייער טיפן מיין און חידוש,
זעצט מען איבער זיי... אויף ייִדיש.

אין ישׂראל, ווידער, ווען מען
קען אַ לשון נישט פאַרנעמען —
נישט פאַרשטיין, ווען חיות, זאַכן
רעדן אויסטערלישע שפּראַכן:

ווען אַ ווינטער רעדט אויף שנייִיש,
צי אַ זעברע רעדט זעברעיִש —
יעדער לשון נישט-פאַרשטייִיש
זעצט מען איבער... אויף העברעיִש.

זעט איר, ייִדיש פון אַ ייִד דאָרט
דאַרף מען קיין מאָל אויף עברית דאָרט
שוין נישט איבערזעצן, ניין!
ווײַל מען טוט אים באַלד פאַרשטיין.

און, דער עיקר, שווער איז טאַקע
זײַנע ווערטער די געשמאַקע
איבערזעצן, איבערשטעלן —

ווי, אַ שטייגער, מען זאָל וועלן
גאָלד פאַרבײַטן אויף דוקאַטן
און אַ מאַמע אויף אַ טאַטן.

(20—23 דעצ. 1963)

דאָס לעצטע פּינטעלע

די נאַכט פאַרגייט. עס ברענען הײם די שטערן.
און משה הערט דעם סוף און שרײַבט מיט טרערן.

ער הערט און שרײַבט די לעצטע פּסוקים אַכט,
וואָס לעשן אויס זײַן לעצטע לעבעדיקע נאַכט.*

און הערנדיק די לעצטיקייט אין הימלס קול,
ער שרײַבט, און זאָגט די רייד נישט איבער, ווי אַ מאָל,
נאָר וויינט אין זיך,
בעת ער פירט די פעדער מיט דער האַנט:
„דער סוף!... דער סוף!
אויף דער זײַט פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד!"

ער שרײַבט און שווײַגט,
נאָר דורך די אותיות ער שרײַט:
„אהאָ! ווי גיך אַריבער איז די צײַט!
עס זײַנען דרײַ מאָל פערציק יאָר אַוועק —
ווי דרײַ מאָל פערציק אײַלנדיקע טעג!"

---

* עד כאן (דאָס הייסט, ביז די לעצטע אַכט פסוקים פון דער תורה) הקב"ה אומר ומשה אומר וכותב, ומכאן ואילך (דאָס הייסט, די לעצטע אַכט פסוקים, וואָס דער־ציילן וועגן משהס טויט), הקב"ה אומר ומשה כותב בדמע. (בבא בתרא ט"ו)

אָט, דאַכט זיך, ערשט דערשפּירט האָט ער אין מויל
דעם ערשטן ברען פון וואָרט — ווי פון דער קויל,
וואָס האָט אויף שטענדיק אָפּגעבריט זײַן צונג —
ווען אויסגעקליבן האָט ער אַזוי יונג
די פֿײַערדיקע קויל... גלאָזן שטיין
די שיסל גאָלד און האָט געלאָזט זיך גיין *
דורך מדבר און דורך הימלעניש געשפּאַנט —
דעם שווערן וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד!

פאַרשריבן איז דער צוזאָג רויט אויף שוואַרץ
זינט אויסגעלייזט פון מדבר אין זײַן האַרץ
האָט אים דאָס קול אין סנה —
— אין ברענענדיקן וווּנדער־קנויט —
און האָט אין גיך־פאַרלוירענעם אַמאָל
אים זײַן שליחות אָנגעטרויט.

ער הערט אים נאָך, דעם צוזאָג,
אָבער זעט שוין אויך באַשײַנפּערלעך אַצינד,
אַז בלויז אַן איינציק פּינטעלע פון טינט
געבליבן איז אין פּעדער נאָך... ווי קען,
ווי וועט ער זיך מיט דעם אַהין דערשרײַבן דען,
ווען שטיל און אומדערגרייכלעך ווײַט אַזוי
ער וועט באַלד ווערן אויפן באַרג נבו? **

---

* לויטן מדרש, האָט פּרעה אויסגעפּרוווט משהן מיט אַ שיסל גאָלד און הייסע קוילן, און משה האָט אויסגעקליבן אַ קויל, וואָס האָט אים אָפּגעבריט די צונג (שמ"ר א)

** נבו איז דער באַרג, אויף וועלכן משה רבנו איז נפטר געוואָרן.

נאָר אַט קלינגט־אָפּ, ווי אַ פאַרמאַכטע טיר,
דאָס לעצטע וואָרט י ש ר א ל.
דאָס לעצטע וואָרט פון שיר.

עס וויינט און שרײַבט עס אָן...
און דאָך, און דאָך —
דאָס פינטעלע נישט אויסגעשעפּט איז נאָך!

דאָס לעצטע וואָרט — און ער איז אַלץ נאָך דאָ,
אויף דער זייט פון דער אויסגעצײַלטער שעה?....
נישט אַנדערש נאָר דאָס פינטעלע נאָך האָט,
פאַרמאָגט אין זיך, אַ נישט־דערזאָגטן סוד!

וואָס זאָל עס זײַן? ער קען דאָס נישט פאַרשטיין!...
נאָר פּלוצעם עפנט זיך, פון זיך אַליין,
זײַן ספר צו דעם סאַמע ערשטן וואָרט,
און ער דערזעט — עס פעלט אים עפּעס דאָרט!

ער זעט ווי פון בראשית קוקט אַרויס
די ב׳ אַ לײדיקע, מיט אויגן פון אַ הויז,
וואָס וואָרט אויף געסט... און ס׳דאַכט זיך אויס,
אַז ווידער, ווי פון סנה. ער הערט אַ שטים:

„דאָס לעצטע קליינע פּינטעלע, וואָס גליט
אַצינד בײַ דיר אין פעדער נאָך און ציט
זיך אַלץ פאַרבענקט און וויל אַרײַן, ווי דו,
אין לאַנד פון דער בראשיתדיקער רו,
פאַרתּמציתּט די ירושה דײַנע, הער און ווייס!
און שטעל אַרײַן דאָס לעצטע פּינטעלע אין ב׳!״ *

ווען פון דעם כּתב זיך אָפּגעטיילט האָט משהס האַנט,
ער איז, בײַם ליכט פון העלן טאָג,
אַרײַן אין צוגעזאָגטן לאַנד:

עס האָט די אויסגעפילטע ב׳ געעפנט אים אַ טיר,
און ער איז אין זײַן זאַמלהויז אַרײַן דורך איר.

(אָקטאָבער 1964)

---

* דער ווילנער גאון ז״ל און דער ריזשינער רבי ז״ל האָבן געדרשנט: די גאַנצע תּורה איז נכלל אין ספר בראשית; דער גאַנצער ספר בראשית — אין דער ערשטער סדרה; די גאַנצע סדרה — אין ערשטן פּסוק; דער ערשטער פּסוק — אין דעם ערשטן וואָרט בראשית; אַלע זעקס אותיות פון וואָרט בראשית — אין דער ב׳ פון וואָרט בראשית; און דער גאַנצער עיקר, דער תּוך — אין דעם פּינטעלע פון דעם ב׳ פון וואָרט בראשית.

באַלאַדע אין זיבן טרערן

אַרײַנפיר:
דער כּתב־יד

די מעשׂה, וואָס דערציילן טו איך אײַך אַצינד,
האָט איינער אָנגעשריבן מיט טרערן, נישט מיט טינט.
די טרערן איבערזעצן איז אָנגעקומען שווער —
ווײַל קען אַ וואָרט דען זאָגן אַזוי פיל ווי אַ טרער?
איז האָב איך זיך גע׳בריה׳ט, געטאָן, וואָס כ׳האָב געקענט,
און האָב פאַר יעדער טרער אַן אייגן וואָרט גע׳פּען׳ט.

נאָר נישט אַ שווערער בלויז געווען איז דער כּתב־יד —
ער איז צו מיר געקומען אויך אָן זײַן לעצטן בלאַט.
און אפשר... איז קיין לעצטער בלאַט גאָר נישט געווען,
נאָר אויסגעפּעלט אים האָבן טרערן אין זײַן פּען.
פון דעסטוועגן דערצייל איך די מעשׂה סײַ ווי סײַ —
אַפילו אָן דעם סוף איז הערן זי כּדאַי.

די ערשטע טרער:
די קויל

די מעשׂה הייבט זיך אָן — דערציילט די ערשטע טרער —
דערמיט, וואָס ס׳איז געוואָרן באַוויליקט זײַן באַגער
צו קענען צוימען ווערטער, כּדי ער זאָל מיט זיי
פאַרוואַנדלען אין געזאַנג זײַן פרייד און אויך זײַן וויי.
און דער־אָ זיסער אָנהייב פאַרביטערט האָט דעם סוף —
געבראַכט אים אַ מתּנה אין איינעם מיט אַ שטראָף.

געוועז איז די מתּנה — צו עפֿענען זײַן מויל —
אָן אומשולדיקע, קליינע, גלי̇יענדיקע קויל,
וואָס האָט אים, אין אַ חלום, די ליפּן אָנגערירט,
מיט פֿרייד אים דורכגענומען, נאָר אַזוי פֿאַרווירט,
אַז פּונקט ווי יונה איז אַנטלאָפֿן פֿון פֿאַר גאָט,
אויך ער איז אויף אַ שיף אַנטלאָפֿן מיט אַ סוד.

די קליינע קויל, וואָס ס׳האָט דער חלום אים געשענקט —
ער זאָל דורך איר דערציילן אַלץ, וואָס ער געדענקט,
און זאָל אויף זיך נביאות זאָגן דורך איר גלי —
האָט אָנגעפֿילט זײַן הארץ מיט פּחד פֿאַר איר ברי,
ווײַל ווי ער האָט דורך איר געזאָגט דאָס ערשטע וואָרט,
אַ ברי אין צונג האָט אים אַ טראָג געטאָן פֿון אָרט.

ער האָט אויך פֿון דער קויל אויף זיך אַזוינס דערהערט,
וואָס ער האָט אויף קיין שׂונא קיין מאָל נישט געקלערט....
האָט ער אויף גיך זי אין אַ קעסטעלע פֿאַרמאַכט,
באַהאַלטן עס אין טאַש, אַרויס, און דורך דער נאַכט
ער האָט מיט הירשנטריט אַוועקגעאײַלט צום ברעג,
אַרויף דאָרט אויף אַ שיף און איז מיט איר אַוועק.

אַרויף איז ער אויף איר, ווען ער האָט אויף איר פֿאָן
דערזען און אויך דערהערט אַ קרייענדיקן האָן,
וואָס האָט בײַם שפּראָץ פֿון טאָג, גערופֿן מיט אַ קריי:
„קומט איר אַלע, וואָס עס טוט אײַך עפּעס וויי!
אין תּרשיש וואַרט אויף אײַך אַ היילונג אין אַ וואַלד,
וואָס דעם אויסהייל פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַרכּלַלט!"

די צווייטע טרער:
דער שטורעם

אין מיטן ים, ווען ער האָט זיך שוין אויסגעמישט
מיט אַלע פֿאַרערם אויף דער שיף און אָפּגעווישט
דעם פּחד פֿון זײַן פּנים — אָבער נישט פֿון האַרץ —
האָט פּלוצעם זיך דער הימל אָנגעטאָן אין שוואַרץ,
די זוניקייט פֿון ים מיט חושך אָפּגעפֿאַרבט,
דערנאָך זײַן שוואַרצע פֿעל צעביסן און צעקאַרבט.

און ווען עס האָבן זיך די פֿאַרערם אויף דער שיף,
אויף־טויט־דערשראָקענע פֿאַר דער צעברויזטער טיף,
באַרעכנט אַז מען מוז דעם ים מפֿייס זײַן,
און איטלעכער פֿון זיי האָט אין דעם ים אַרײַן
געוואָרפֿן עפּעס פֿון זײַן טײַערסטן פֿאַרמעג —
אַרומגעכאַפּט האָט אים אַ צווייענדיקע שרעק:

ווייל כאָטש די קויל האָט מיט נביאות אים געבריט,
ער האָט, אויף שפּעטער, זי אין קעסטעלע געהיט,
אַז נישט פאַרטונקלען זאָל איר צוויבערדיקער שטראַל —
געהאָפּט, אַז ווען גענעזן ווערן וועט דער כּלל,
וועט אים די קויל אין תּרשיש עפענען אַ טיר
און זיינע טרערן איבערזעצן אויף אַ שיר.

און דאָך, כּדי נישט פאַלן זאָל אויף אים אַ חשד,
אַז פרעמד איז ער, אַז עפּעס איז מיט אים נישט גלאַט,
ער האָט — שוין נישט ווי יונה — זיי נישט אויסגעזאָגט,
אַז ער אַנטלויפט פון טייערסטן, וואָס ער פאַרמאָגט,
און האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס קעסטעלע און ווילד
אַריינגעשליידערט עס אין ים... און אים פאַרשטילט.

נאָר איינגעשטילט האָט זיך דער צאָרן פון דער טיף
פאַר אַלעמען פון זיי אויף דער געפּרוּווטער שיף,
פאַר יעדן איינציקן, נאָר נישט פאַר אים, פאַרקערט —
זי שווימט אים נאָך אין קעסטעלע און מאָנט און וויינט.

די דריטע טרער:

די בײַטש

נאָר ביסלעכווייז האָט ער די אויערן פאַרטויבט,
די אויגן זײַנע מיט פאַרגעסנקייט פאַרשויבט,
און מיט דער צײַט האָט אים אַפילו זיך געדאַכט,
אַז ער איז שוין נישט ער... ביז איין מאָל אין אַ נאַכט —
ווען אָנגעקומען איז די שיף צום תּרשיש־ברעג
און אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן דעק —

ער האָט דערזען אַזוינס, וואָס האָט אים ווילד צעמישט:
נישט נאָר איז ער נישט ער, אויך זיי, זיי זײַנען נישט
די אייגענע, וואָס ער האָט קודם דאָרט געזען.
בײַ איטלעכן פון זיי געווען איז מיט אַ ברען
דאָס פּנים אָנגעגורט און מיט שרעק גע׳ימ׳ט.
און איבער אַלע האָט באַפעלעריש געפלאַמט

די בײַטש פון קאַפּיטאַן, געטריבן זיי פון דעק,
און תּיכּף צווישן זיי, באַוואָפנטע מיט העק —
וואָס האָבן מיט אַ בליאַסק געשראָקן דעם פאַרטאָג —
אויך אים האָט מיטגעשלעפּט, געגעבן אַ פאַרטראָג
דער ווינט אַראָפּ פון שיף... און האַרט שוין בײַ דעם ראַנד
האָט עמעצער אַ האַק געגעבן אים אין האַנט.

די פערטע טורער:

די האַק

אַן ענטפּער אויף זײַן ווילדן חידוש, אַ פּאַרטײַטש,
געגעבן אים, כּהרף עין, האָט די בײַטש,
וואָס האָט, אַ גלאַנציקע, געסיקעט ווי אַ שלאַנג,
געפּאַסעוועט די לופט מיט אויסטערלישן קלאַנג,
ווען ס'האָט דער קאַפּיטאַן געקנאַקט זי מיט געבריל,
אַז „הייליק איז די האַק, ווײַל הייליק איז איר ציל".

און איידער וואָס, האָט אויך דער יונה פון דער קויל
דערפילט אויף זיך די בײַטש, און מיט אַן אָפן מויל,
אין וועלכן ס'איז געבליבן שטעקן זײַן געשריי,
האָט ער געלאָזט זיך לויפן, און מיט אַלע זיי
האָט ער, אויף דעם באַפעל פון קאַפּיטאַנס געוואַלד,
גענומען האַקןביימער אין אַן אַלטן וואַלד.

דאָס בלוט פון ביימער האָט געשטראָמט מיט אַ געוויין,
וואָס האָט אַרײַנגעקלאָגט אין מאַרך פון זײַן געביין.
נאָר ער האָט אַלץ געהאַקט אַזוי אַ גאַנצן טאָג
ביז צוגעפאַלן איז די נאַכט דאָרט מיט אַ קלאָג,
און צווישן אַלע מידע העקער איז אויך ער
אַוועקגעפאַלן אויף דער בלוט־באַפלעקטער ערד.

די פינפטע טרער:

די וואָרענונג

נאָר באַלד ווי ס'האָט דער שלאָף, אין ווינטערדיקן וואַלד,
זיין טויער פאַר די העקער, רחמימדיק צעפּראַלט,
דער קאַפּיטאַן האָט גיך צום טויער צוגעשפּאַנט,
פאַרשטעלט דעם וועג אַהין און, מיט דער בייטש אין האַנט,
אַפילו דאָס געוויין פאַרגליווערט אין דער לופט...
פּלוצעם אָבער האָבן זיי דערהערט ער רופט

און רעדט מיט פייערדיקע ווערטער, און ער מאַכט:
„רוען מעג די האַק אַצינד ביז איבער נאַכט
אין האַנט, נאָר נישט אין קאָפּ און נישט אין האַרץ...
געדענקט!"
האָט ער געזאָגט אַ ביסל שטילער, אָבער שטרענג:
„עס איז מיין בייטש נישט נאָר אַ בייטש, נאָר אַ געצייג,
וואָס קען אייך הערן קלאָר אַפילו ווען איר שווייגט!

„און נישט בלויז הערן קען זי, טראַכטעניש, שאַרף —
זי קען און וועט פאַר אייך אויך טראַכטן וואָס מע דאַרף
צו העלפן דאָ געפינען אונדזער האַרץ־באַגער —
דעם אוצר פון דער היילונג, פאַרגראָבן אין דער ערד!...
איז טראַכט נישט! האַקט דעם וואַלד
ביז קומען וועט די צייט,
ווען אונדזער שאַרפע האַק געווינען וועט איר שטרייט!

„ערשט ווען דער לעצטער בוים פון וואַלד וועט ווערן אוים
און פון דער ערד צו אונדז דער אוצר וועט אַרוים,
און האָבן וועלן מיר אין קאַסטנס אים פאַרפּאַקט,
פאַרשווינדן וועט די בײַטש אין אײנעם מיט דער האַק!"
האָט זיי דער קאַפּיטאַן געזאָגט און מיט די רייד
דעם קנויט פון טראַכטעניש בײַ איטלעכן פאַרדרייט.

די זעקסטע טרער:
דער חלום

גאָר ווי ס'האָט זיי דער שלאָף די אויגן צוגעמאַכט
און ס'האָט זיי מיט חלומות צוגעדעקט די נאַכט,
דער אײַנגעדרייטער קנויט האָט ווידער זיך צעברענט...
צו אים, צו אונדזער העלד, האָט, ווידער זיך דערקענט
דער חלום פון דער קויל, פון טײַערסטן פאַרמעג,
וואָס ער האָט אין דעם ים געוואָרפן אין זײַן שרעק.

אין אינגעווייד פון חלום — ווי יונה אין דעם פיש —
געוואָרן איז בײַ אים די מורא אָפּגעווישט,
די מורא פאַר דער בײַטש, דעם קאַפּיטאַנס געצײַג,
ווײַל כאָטש זי האָט געקענט, אפילו ווען מע שווײַגט,
דערהערן, וואָס די העקער טראַכטן אויף דער וואָך,
פאַרהוילן איז געווען פון איר די חלום־שפּראַך.

און אויף דער שפּראַך האָט ער צום הימל אָפּגעשיקט
אַ דאַנק און אַ געבעט... מיט טרערן זיך געשטיקט.
קיין ווערטער אָבער זאָגן האָט ער נישט געקענט,
ווײַל נישט געקענט אַרײַן האָט דורך די חלום-ווענט
אַהין צו אים פון ים דאָס קעסטל מיט דער קויל
און מיט איר צויבערגלי אים עפענען דאָס מויל.

די טרערן-שפּראַך, וואָס זעלטן וויל מען זי פאַרשטיין,
פאַרשטאַנען האָט דער הימל, פאַרנומען דאָס געוויין,
וואָס יונה פון דער קויל האָט מיט די טרערן-רייד
געבעטן און געזאָגט, אַז ער איז איצט שוין גרייט
דערציילן אַלץ, וואָס ער געדענקט אויף זיך, און שוואַרץ
נביאות זאָגן אויף דער נינוה אין זײַן האַרץ.

„ווײַל קען דען עפּעס שוואַרצער זײַן," האָט ער געפרעגט,
און מיט געבעט די הענט צום הימל אויסגעשטרעקט,
„ווי טאָן דעם ווילן פון אַ בייטש, אַ קאַפּיטאַן,
און פאַר אַן אוצר, וואָס איז יאָ צי נישט פאַראַן,
דאָ איבערגעבן צו דער האַק דעם וואַלד, וואָס נערט
דעם לעבעדיקן סוד, וואָס שטראַלט דאָ פון דער ערד?"

די זיבעטע טרער:
בײַם ברעג

און דעמאָלט האָט דער הימל געגעבן אַ באַפעל
דעם מלאך פון חלומות, ער זאָל פון חלום־צעל
באַפרײַען אונדזער העלד, פאַרטראָגן אים צום ברעג,
ווי יונהן האָט דער פיש, אַ מאָל אין זײַנע טעג.
נאָר כאָטש ער איז פון דאָרט געוואָרן אויסגעלייזט,
ער זיצט בײַם ברעג און וויינט, איז אַלץ נאָך נישט געטרייסט:

עס ווערט דער ים מיט זײַנע טרערן אויסגעמישט,
ווײַל אַנדערש ווי מיט טרערן רעדן קען ער נישט...
עס האָט דער ים צום ברעג געבראַכט שוין פון דער טיף
דעם האָן, וואָס אויף דער פאָן פון דער פאַרפירטער שיף,
נאָר אים האָט ער ביז איצט נאָך נישט געבראַכט די קויל,
וואָס האָט דעם צויבערגלי צו עפענען זײַן מויל.

אַרויספיר:
אַ טרער

איך ווייס נישט, צי מיר איז געלונגען אַקוראַט
צו איבערזעצן אַלע טרערן פון כתב־יד —
די זיבן טרערן זײַנע, וואָס איך האָב פאַרמיינט,
און אפשר אויך אַ טרער, וואָס איך האָב מיטגעוויינט...
נאָר אָן דעם לעצטן בלאַט, אויך איך האָב, פונקט ווי ער,
אַצינד קיין ווערטער נישט, און ענדיק... מיט אַ טרער.

דעצעמבער 1964 — פעברואַר 1965

דער טויער אין דער וואַנט

מײַנע קינדער האָבן געוויינט
הערנדיק די בשורה,
אַז דער כּותל־מערבֿי
איז ווידער אין ייִדישע הענט.

געשטאַנען זײַנען נישט נאָר מיר ווי טרוימער,
ווען מיט זײַן אויסגעשטרעקטער פּאַטערלעכער האַנט
אַראָפּגעשיילט האָט פֿון דער אַלטער וואַנט
דעם פֿאַרהאַנג פֿון יאָרהונדערטער ישׂראלס שומר.

עס האָט דער נס נישט נאָר אין אונדזער אויג געברענט.
מיר זײַנען, קינדער, נישט געווען אַליין,
ווען אין דער טרערן־וואַנט אַרײַן איז אונדזער היים געוויין
און מ'האָט געוויזן אונדז פֿון ווײַטנס אויך די אַנדערע
דרײַ ווענט.

מיט אונדז אין איינעם בײַ דער וואַנט געשטאַנען
איז אין דעם נס־צעפּלאַקערטן קאַיאָר —
ווי בײַם באַרג סיני איז אַ מאָל אין ציטערניש, פֿאַרוואָר —
די גאַנצע אומה, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּאַנען
מיט פֿוסטריט פֿון די אָבֿות צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד,
וווּהין ס'האָט זיך געעפֿנט איצט אַ טויער אין דער וואַנט.

19 יוני — 12 יולי 1967

דער שמייכל אין דער וואַנט

עס איז געווען שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט,
דעם חושך האָט אַ שופר־שטראַל געהאַט שוין דורכגעשטאָכן,
ווען אויפגעהויבן האָבן אונדז פון שטויב די פליגל פון נצחון
און צו דער וואַנט, ווי אין אַ חלום, אונדז געבראַכט.

די העלדזער אונדזערע פאַרקנוילט מיט טרערן,
מיר האָבן מיט די ביינער אונדזער פרייד געוויינט, געלאַכט,
נאָר ס׳האָט די וואַנט אונדז, אַלטע חדר־יינגלעך,
לאַנג באַטראַכט
און נישט דערקענט... ערשט ווען דער מאָרגנשטערן

צעקלונגען האָט אין אונדז די גלעקלעך פון חדר־גאָלד
און פאַרבן פון אַ מאָל אויף אונדזער פנים אויפגעמאָלט,
געוואָרן זײַנען אירע אויערן פאַרשׂכלט —

ווײַל הערנדיק אונדז זינגען, טאַנצן, פליעסקען מיט די הענט,
זי האָט אונדז דורך דעם אייביק־יונגן קול פון אלף־בית
דערקענט,
און ס׳האָבן אירע קלוגע שטיינער־קנייטשן זיך צו אונדז
צעשמייכלט.

24 יולי — 5 אויגוסט 1967

נח מיט די זיבן גרײַזן

זיבן גרײַזן, זיבן זקנים,
נהם גוטע־פרײַנד און שכנים,
זעען, ווי ער שטייט און מײַסטערט
אַ געביי אַזוי באַגײַסטערט,
נאָך אַנאַנד אַזוי פיל טעג,
און זיי גיבן אים אַ פרעג:

„זאָג נאָר, נח, זאָגן מוזסטו,
„וואָס, אַ שטייגער, בויען טוסטו?
„צוליב וואָס די האַמערײַ?
„וואָס איז דאָס פאַר אַ געבײַ?"

לייגט אַוועק דעם האַמער נח,
ענטפערט זיי: „אַ תבה בוי איך!"
ער דערציילט זיי אויך די פרטים
צוליב וואָס געהייסן האָט אים
זי דער אייבערשטער צו מאַכן.

צווישן אַלע זיבן זאַכן
ער דערציילט אויך וואָס און ווען
אים דערלויבט איז מיטצונעמען
אויף דער מבול־רײַזע אין דער
תבה מיט זײַן ווײַב און קינדער.

„סטײַטש?" צעשרײַען זיך די זקנים,
נחס גוטע-פרײַנד און שכנים,
און דערציטערט און דערשראָקן,
בעט זיך בײַ אים יעדער זקן:

„נח! נח! וואָס וועט זײַן מיט
„אונדז אין מבול? לאָז אַרײַנעט
„אין דער תּבֿה, ליבער נח!"

ענטפֿערט ער זיי: „לײדער, לא, איך
„קען נישט העלפֿן אײַך מיט גאָרנישט
„ווײַל איר טײלט זיך אויף קיין פּאָר נישט!"

האָט די גרײַזן שטאַרק פֿאַרדראָסן
און זיי האָבן באַלד באַשלאָסן
אָפּטאָן נחן אַ שפּיצל,
אָנטאָן אים אַ נאַרן-מיצל.

און ווען נח האָט פֿאַרקוקט זיך,
האָבן זיי אַרײַנגערוקט זיך,
אויסגעשטעלט זיך אין זײַן נאָמען,
און ביז איצט, פֿון דעמאָלט אָן מען
רופֿט דעם-אַלטן תּבֿה-מײסטער,
מיט דער חתימה דער פֿאַרגרײַזטער,
ווו ער טוט זיך נישט באַווײַזן —
נח מיט די זיבן גרײַזן.

2 אַפּריל — 10 מײַ 1968

אַליין און בחבֿרותא

ס׳איז שווער צו גיין מיט אַ באַגלייטער,
ווען מע קלעטערט אויף אַ לייטער,
ווי מוזן מוז מען גיין אַליין
אויך ווען מען נידערט פֿון געוויין.

בחבֿרותא גוט צו גיין איז
נאָר ווען גלײַך און גלאַט און ריין איז
צווישן באַרג און באַרג דער גאַנג —
ביז צום טויער פֿון געזאַנג.

27—28 מײַ 1968

*

געשען איז די מעשׂה אַ פֿרילינג־פֿרימאָרגן.
אַ בוך, וואָס געלעגן אין הויז איז פֿאַרבאָרגן,
אַרויס איז אין דרויסן און דאָרטן דערשמעקט
אַ בלום, וואָס האָט פּלוצעם פֿון שלאָף אים צעוועקט;
און באַלד האָט דער בוך זיך אַזוי שטאַרק צענאָסן,
אַז ער האָט פֿאַרלאָרן אַן אות נאָך אַן אות און
עס זײַנען די ווערטער אין אים נישט געבליבן,
וואָס עמעצער האָט דאָרט מיט גראַמען פֿאַרשריבן.

און איצט, כאָטש עס איז שוין דער פֿרילינג נישטאָ מער
דער בוך וויינט נאָך אַלץ מיט אַ שטאַרקן געיאָמער
און רופֿט די פֿאַרשוווּנדענע ווערטער צוזאַמען,
נאָר ער האָט ביז איצט בלויז אַ העלפֿט פֿון די גראַמען.

2 יוני 1968

אַ בריוו

איך ווייס דו קענסט מיר, ברודער, גאָרנישט זאָגן,
ווײַל פון די ווערטער דײַנע רינען טרערן.
און ווײַל דער טרערנפאַל פאַרטויבט דאָס קלאָגן,
איך קען די ווערטער דײַנע נישט דערהערן.

פון אַלע נישט־געזאָגטע ווערטער אָבער דײַנע
איך הער די גאַנצע צײַט אַרוים די טענה,
וואָס שרײַט אַרוים פון מיר אַנטקעגן גזר,
אַז ווערן זאָל איך בײַ מײַן שיר צום נאַר.

איך שרײַ: עס קען נישט זײַן, אַז מער קיין ליכט
נישטאָ איז,
עס איז דער הימל אויך נישט פרײַ פון טעות,
איז זאָל ער הערן אונדזער רוף באַצײַטנס —
דעם בייזן גזר צערײַסן און פאַרבײַטן.
איך האָב אַזוי פיל ווערטער נאָך און טרערן,
ווי צוגעזאָגט האָט מיר אַ מאָל דער מאָרגנשטערן.

8 יוני 1968

ניו־יאָרק: געזעגענונג

ליבע קאָלעגן:

דערמיט געזעגנט זיך מיט אײַך,
נאָך דרײַ־און־פערציק יאָר,
דער סופר פון דעם טרויער
און דער פרייד אין אונדזער וואָר.

און ווײַל צום פּנקס פון די נײַעם
פאַרמאַכט זיך איצט פאַר אים די טיר,
ער האָפט אַז ברייטער ווערן וועט
דער טויער צו זײַן שיר.

אַלף כּץ

פרייטאָג, 22סטן מערץ 1968

לידער פון די צוואַנציקער

די לידער פון דער סעריע „לידער פון די צוואַנציקער״ זײַנען געשריבן געוואָרן, ווען דער יאָרהונדערט און איך אַליין זײַנען געווען אין די 20ער יאָרן. זיי זײַנען כמעט אַלע נאָך נישט געדרוקט געוואָרן און איך האָב דעריבער געהאַט אַ פרײַערע האַנט זיי אַ ביסל צו פאַר־ריכטן. אַ טייל פון זיי זײַנען געדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „חשבון״ (1960—1963). איך דרוק זיי דאָ צום ערשטן מאָל אין אַ בוך, ווי אַ צוריקקלאַנג צום „אָנהייב פון דער מעשׂה״.

✶

די לידער האָבן געזאָלט — אָבער זײַנען נישט אַרײַן ווי אַ באַזונ־דערע אָפּטיילונג אין בוך „די אמתע חתונה״.

דער לייטער

אויפֿן ערשטן שטאַפּל פֿון דעם הויכן לייטער
איז אין האַרץ שוין דאָ
דער צאַפּל פֿון דעם לעצטן:
ווען עס לאָזט אַפֿילו נישט באַטרעטן זיך דער צווייטער,
בלײַבט אין האַרצן סײַ ווי שוין
די הויכקייט פֿון דעם העכסטן.

(1962) 1928

דאָס ריכטיקע וואָרט

דאָס ריכטיקע וואָרט ווען מיר טוען דערהערן,
שטראַלט־אויף, ווי אַ ליכט, אין אַ פינצטערער נאַכט,
וואָס צינדט פאַר אונדז אָן די לבנה און שטערן
און פירט אונדז צו וווּנדער נאָך קיין מאָל געדאַכט.

1921 (1961)

דער גראַם

דער גראַם איז אַן עכאָ
פון וואָרט, וואָס אַנטפּלעקט
דעם סוד וואָס איז הינטער
דער שורה פאַרדעקט.

ווי גרינג ער פאַרבלאָזט
מיט אַ שמייכל דעם רויך און —
דעקט-אויף אין דער שורה
איר שטראַליקן תּוכן.

1920 (1962)

אַן איינזאַמע שורה

זי גייט אַרום אַליין פֿאַרטראַכט
אַזוי ווי אַ פֿאַרבענקטע נאַכט,
וואָס וואַרט, אַז קומען זאָל דער פּלאַם,
דער טאָג, איר לויכטנדיקער גראַם.

1918 (1962)

נישט־געשריבענע לידער

גאָלדענע פֿייגל אויף זילבערנע צווײַגן,
וואָס זיצן פֿאַרשטומטע אין אָפֿענע שטײַגן
און וואַרטן מיט פֿליגל פֿאַרמאַכטע און דרימלען
פֿון פֿליִען אין נאָך נישט געעפֿנטע הימלען.

(1961) 1926

נישט-געלייענטע לידער

ווי עס מוען אין סטאַטועס
און געמאָלענע פּאָרטרעטן
אַלץ נאָך רופן און נישט רוען
נישט געענטפערטע געבעטן
הינטער שטיינערנע, פאַרגליווערטע געזיכטער —

ווערן קיין מאָל נישט אַנטשוויגן
נישט די ווערטער, נישט דער ניגון
אין די לידער נישט-געלייענטע פון דיכטער.

1925 (1962)

קול קורא במדבר

אויף עלנטע מצבֿות, אויסגעשטעלט ווי מענטשן,
זינגען אויסגעשטערקטע הענט און בענטשן
אַ ברכה, אַ געזאַנג פֿון אונטערערדישן געביין,
אָבער קיינער הערט נישט די צעשטראַלונג פֿון דעם שטיין.

1921 (1961)

פרילינג

שטייט אַ בוים מיט פרילינג-בלעטער,
קוקט אַראָפּ צום וועג... וואָס זעט ער?

כאָטש נאָך פריש און גרין כמעט,
ליגט שוין טויט זײַן ערשטער בלאַט.

1927 (1962)

בוימיש

אויף בוימיש רעדט צו מיר דער בלאַט,
דערציילט מיר סודות פון דעם בוים,
וואָס ער זאָגט מיר אַקוראַט
קען איך אָבער נישט פאַרשטיין.

אָבער כאָטש ער רעדט פאַרשטעלט,
הער איך אים אוים גערן,
ווײַלע וואָס דעד קאָפּ פאַרפעלט,
טוט דאָס האַרץ דערהערן.

1926 (1962)

אַ גאָלדענער שטראַל

א גאָלדענער שטראַל איז אין וואַסער אַרײַן
זײַן נײַגער נאָך סודות צו שטילן
און איז אין דער טיף מיט זײַן גאָלדענער שײַן
געבליבן שוין דאָרטן זיך שפּילן.

(1960) 1920

דיאַלאָג אין די בערג

— זאָג מיר, פאָטער,
וואָס באַטײַט דער וואַסערשנור,
וואָס רינט דאָרט פון דעם באַרג
אַראָפּ אַהער צו אונדז אין טאָל?

— דער שנור ער איז די אייביקייט,
די אייביקייט, מײַן זון.

— און וואָס באַטײַט די אייביקייט,
פון וואַנען קומט זי, פאָטער?

— זי איז די יונגשאַפט
פון דײַן זיידן, זון.
זי גייט פון אים צו מיר,
צו דיר, מײַן זון.
עפן־אויף דאָס מויל
און טרינק זיך אָן.

20סטן מײַ (1960)

דער אַלטער קאַפּיטאַן

(באַלאַדע)

פון ימיקן וואַנדער,
נאָך זעכציק יאָר שטורעם
אין בויך פון דער טיף,
אַ בילד אויף דער וואַנט איז געבליבן,
אַ בילד פון זײַן שיף.

די שיף אויף פאַרגליווערטע כוואַליעס,
זי רײַסט זיך נאָך אַלץ צו דעם שווים,
זי הערט נאָך דעם רוף פון די ימים,
דעם רויש פון געזאַלצענער שטים.

ווי ער אָבער, דאָ אויף זײַן וויגשטול,
די שיף איז געפּענטעט אַצינד —
בײַ ביידן עס שטרעבן די זעגלען צו שוועבן,
נאָר האָבן שוין מער נישט קיין ווינט.

די שטול וויגט אים אײַן
און ער זעגלט אַצינדער
אין ים פון די יאָרן וואָס זײַנען פאַרבײַ.
פון חלום וואָס צויבערט,
צעוועקט אים אַ מאָל נאָר
דער גרילציקער פלוידער
פון זײַן פּאַפּוגײַ.

1927 (1961)

אין אַ ים פון נעכט

(באַלאַדע)

אין אַ ים פון נעכט געזונקען
איז זײַן שיף
און געוואָרן איז דערטרונקען
אין דער טיף
אַלץ וואָס ער האָט מיטגענומען
אויפן וועג,
ווען ער איז אַוועקגעשוווּמען
פון דעם ברעג.

נאָר אין פּחד אין דעם שוואַרצן
טרייסט אַ גלאָק,
ווײַל עס לעבט בײַ אים אין האַרצן
נאָך דער טאָג.

1920 (1962)

נעכט אין גרעניטש ווילעדזש

זיי זײַנען משוגע-געוואָרענע טעג,
וואָס זײַנען אַרונטער פֿון ליכטיקן וועג
און זיצן אין קעלערס און קלאָגן,
נאָר רײַסן זיך אַלץ נאָך צו טאָגן
— אויף זייער פֿאַרפֿינצטערט-געוואָרענער שפּראַך
מיט ווערטער פֿון קעלער, וואָס בענקען צום דאַך.

1918 (1962)

וווּ

באַליידיקטע, פֿאַרלאָרענע,
ווי אָפּגעגנאַרטע געסט,
ווי פֿייגל בלינד־געוואָרענע,
פֿאַרוואָגלטע פֿון נעסט —
פֿאַרשוועבן זײַנע שעהען און
זיי לאָזן נישט צורו
מיט זייער שטילן וואָרענען
און פֿרעגנדיקן וווּ־וווּ־וווּ?

פֿאַרוואָגלט אָבער פּונקט ווי זיי
און פּונקט ווי זיי צעמישט —
ער הערט זיי וווּען, אָבער ווײַ,
ער האָט קיין ענטפֿער נישט.

(1962) 1920

קיכאָטיש

ווען צווייפל צעשטורעמט דאָס האַרץ אים מיט פרעגלעכקייט,
ער לאָזט זיך אַרויס אויפן וועג פון אוממעגלעכקייט —
צעברעכן דעם בלענדיקן קרײַז פון אומענדיקייט —
די גאַנצקייט וואָס האָט אים פאַרמשפּט צו שטענדיקייט.

1921 (1961)

דער שטורעם נאָכן שטורעם

נאָך דעם רעגן פֿון פֿאַר נאַכט,
וואָס דער שטורעם האָט געבראַכט,
אין אַ לאַנגן נאַסן שפּיגל
שוועבט דער הימל ווי אַ סוד,
און איבער אים מיט פֿײַער־פֿליגל
פֿליט און ברענט די גאַנצע שטאָט.

1920 (1962)

מאַסקאַראַד

יאָרן מאָלן אָן אַ מאַסקע,
גרייטן דיך צום מאַסקאַראַד,
כּלומרשט דאָרט צו טרײַבן שפּאַסן
פֿירן זיי דיך מיט פּאַראַד.

נאָר זי בלײַבט שוין אויפֿן פּנים
טוט דעם שפּיגל איבערראַשן,
ווײַל נישטאָ און נישט געווען איז
נאָך קיין זאַלב זי אָפּצוואַשן.

(1962) 1927

פּופּצנטער סעפּטעמבער

וועז דער זומער מיטן דאַרן שטרויהוט אויפֿן קאָפּ
האָט אַ קוק געטאָן היַינט פּלוצעם אויפֿן קאַלענדאַר,
האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, געלאָזט זיך באַרג־אַראָפּ,
און גענומען לויפֿן ווי אַן אָפּגענאַרטער נאַר.

(1962) 1918

אַ נײַע מעשׂה

אַ חיה, וואָס מען האָט פֿון איר נאָך קיין מאָל
אין קיין פֿאַבלען נישט געהערט,
האָט אַ מאָל אַ נייע מעשׂה אויסגעקלערט.
דאָס הייסט נישט אויסגעקלערט אין גאַנצן, ניין!
נאָר, ווי דער שטייגער איז,
אַ ביסל צוגעפּוצט אַ זאַך,
וואָס איז געשען מיט איר אַליין.

און באַלד
האָט זי פֿאַר אַלע חיות אין דעם וואַלד,
וואָס האָבן אַרום איר זיך נייגעריק פֿאַרקליבן,
די מעשׂה אויסדערציילט מיט גיכע אָבער שיינע רייד,
און אַלע חיות האָבן אויסגעהערט און זיך געפֿרייט,
וואָס סוף־כּל־סוף וועט אויך פֿון איר
אין פֿאַבל־ביכער זײַן געשריבן.

בלויז דער פֿוקס,
וואָס דאַרף דאָך, ווי באַוווּסט,
דעם פֿאַבל־שרײַבער אַלץ דערציילן,
איז געשטאַנען ברוגז און פֿאַרשטאָקט,
און האָט גאָרנישט נישט געזאָגט.
אַ צאָרן האָט אין אים געברענט
הלמאַי די חיה האָט צו אים
זיך פֿריִער נישט געווענדט,
צו אים אַליין, בלויז אויג אויף אויג,
איידער זי האָט דאָ פֿאַר אַלעמען
די מעשׂה אויסגעפּויקט.

אָפּגעשוויגן,
האָט דער פוקס צערעדט זיך מיט אַ זיסן ניגון,
ווי געגאַנגען וואָלט אים האָניק פון דעם מויל:

— אַ שאָד, מײַן טײַערע, אַ שאָד!
ס׳איז די מעשׂה שיין און וויל,
וואָס שייך זאָגן?... גרויס!
נאָר וואָס קומט דערפון אַרויס?
(האָט ער אַ קרעכץ געטאָן כּמעט מיט טרערן)
איך קען זי שוין דעם פאַבל־שרײַבער
נישט דערציילן איצט. פאַרפאַלן, אוים!
ווײַל ווי וועט ער זי וועלן הערן,
ווען געהערט זי׳ דאַ אַצינדער צווישן אונדז
האָט אויך די מויז?

✶

דער פוקס איז אָבער דאָך געבליבן מיט אַ נאָז,
ווײַל די חיה נישט געוועזן איז קיין שרעקעוודיקער האָז,
און עקשנותדיק, נאָך לאַנגער מיִעניש און גראַבלען,
זיך אַליין דערשלאָגן צו דעם שרײַבער פון די פאַבלען.
נישט נאָר דאָס,
געקומען איז זי צו דעם שרײַבער
פּונקט אין צײַט, און אומגעריכט,
ווען געזוכט האָט ער אַ נײַע מעשׂה
ווי מיט ליכט.

1925 (1961)

א י נ ה אַ ל ט

יודל מאַרק: דער דיכטער און זײַן דיכטונג . 7

דער מאָרגנשטערן

דער מאָרגנשטערן 39
מיט פּלי פון אַ ליד 60
דער סוד 62
אין טיפעניש פון יעדן וואָרט . . . 84
אין דער בײַנערנער תּפיסה . . . 85
דער שמועס 86
אַן אומעטיקע מעשׂה מיט אַ שײַנעם גראַם . 91
מיטן פלאַם פון איצטיקייט 95
אַ ליד ווערט קיין מאָל נישט פאַרענדיקט . 96
צו גאַסט ביי אַ חבר אויף יענער וועלט . 97
דער טרוקענער רעגן 100
דער היפּער־ציפּור 102
יעדער לעבעדיקע זאַך
רעדט אַ לעבעדיקע שפּראַך 105
דאָס לעצטע פּינטעלע 107
באַלאַדע אין זיבן טרערן 111
דער טויער אין דער וואַנט 121
דער שמייכל אין דער וואַנט . . . 122
נח מיט די זיבן גרײַזן 123
אַליין און בחברותא 125
אַ בריוו 127
ניו־יאָרק: געזעגענונג 128

לידער פון די צוואַנציקער

דער לייטער	131
דאָס ריכטיקע וואָרט	132
דער גראַם	133
אַן איינזאַמע שורה	134
נישט־געשריבענע לידער	135
נישט־געלייענטע לידער	136
קול קורא במדבר	137
פרילינג	138
בוימ׳יש	139
אַ גאָלדענער שטראַל	140
דיאַלאָג אין די בערג	141
דער אַלטער קאַפּיטאַן	142
אין אַ ים פון נעכט	143
נעכט אין גרעניטש ווילעדזש	144
ווי	145
קיכאָטיש	146
דער שטורעם נאָכן שטורעם	147
מאַסקאַראַד	148
פופצנטער סעפּטעמבער	149
אַ נײַע מעשה	150

אַנדערע ביכער פון אלף כץ

אַ מעשׂה פון ים

און אַנדערע לידער — ניו יאָרק, 1925

אַקערצייַט

אַ זאַמלונג לידער — ניו יאָרק, 1929

דאָס טעלערל פון הימל

פּאָעמע — ניו יאָרק, 1934

פון א׳ ביז ת׳

קינדערליד — ניו יאָרק, 1939

אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה

לידער — ניו יאָרק, 1944

גוטמאָרגן, אלף; פּורים־שפּיל און יאָסעלע

צוויי שפּילן און אַ מעשׂה — ניו יאָרק 1950

חלום עליכם

שפּיל און לידער — ניו יאָרק 1958

די אמתע חתונה

לידער, מעשׂיות אין שפּיל — ניו יאָרק, 1964